YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv12i26

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 12 Issue 26
November 1930

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 12, Iss. 26)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/510

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)

אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט וואַרקערס יוניאן

Vol. XII. No. 26 | Jersey City, N. J., Friday, Nov. 21, 1930 | 1930 פרייטאג, 21־טער נאוועמבער, | PRICE 3 CENTS

סטרייקענדע לעדיס טעילארס פאנגען אן 9טע וואך פון קאמף מיט איינדרוקספולע פיקעט־דעמאנסטראציע ארום די שעפער

אלע באמיהונגען פון די עטליכע באסעס צו פארנארען אדער אפשרעקען די סטרייקער פאלען דורך. — די גאנצע פרעסע און עפענטליכע מיינונג פארדאמט די באסעס פאר זייער פאר־זוך צוריקצוברייינגען די סוועט שאפ באדינגונגען אין טרייד.

לאקאל 38 אפעלירט צו יוניאנס און פריינדליכע ארגאניזאציעס צו שטיצען דעם סטרייק פינאנציעל און מאראליש

כאטש די לאגע אין דעם סטרייק פון די עטליכע הונדערט לעידיס טיילארס געגען די פארביסענע אסאסיאיישאן באסעס האט זיך אין די לעצטע צוויי וואכען ניט געענדערט, זיינען אבער דורך דער צייט פארגעקומען אייניגע פאסירונגען וואס האבען פון איין זייט באוויזען דעם מוט און ענטשלאסענהייט פון דער יוניאן און די סטרייקערס אויסצוקעמפען זייער רעכט אויף יוניאן באדינגונגען, און פון דער צווייטער זייט — אויפגעדעקט דעם אמת'ען פרצוף און די אביכטען פון די עטליכע באסעס, וועלכע זוכען צו צוברעכען די יוניאן און צוריק ברענגען די סוועט שאפ באדינגונגען אין טרייד.

אלס רעזולטאט פון די פאסירונגען, האט די גאנצע ענגלישע פרעסע, אלע צייטונגען, זיך געשטעלט אפען אויף דער זייט פון די סטרייקערס. מאנכע פון זיי זיינען ארויסגעקומען מיט שטארקע עדיטאריעלס, פארדאמענדיג די אסאסיאיישאן פאר איהר האנדלונג.

ווען דער סטעיט אינדאסטריעל קאמישאנער, מיס פוירקינס, האט פאר צוויי וואכען איינגעלאדען די יוניאן און די אסאסיאיישאן צו א קאנפערענץ וועגען סעטלען דעם סטרייק און די יוניאן האט גלייך געענטפערט אז זי נעמט אן די איינלאדונג, האבען זיך די באסעס געדרעהט אויף אלע זייטען און האבען געזוכט זיך ארויסצודרעהען פון געבען א קלארען ענטפער. ענדליך זיינען זיי געקומען צו א קאנפערענץ און האבען אויף דאס ניי ארויסגעשטעלט די פאדערונג, אז זיי זאלען קענען ארויסווארפען יעדען יאהר 20 פראצענט ארבייטער פון די שעפער אהן א אורזאכע.

דער ליבער קאמישאנער האט די דאזיגע חוצפה'דיגע פאדערונג זייערע אנטזאגט. מיס פוירקינס האט פארגעשלאגען א קאמפראמיס, אז די באסעס זאלען קריגען דאס רעכט צו בייטען 5 פראצענט פון זייערע ארבייטער יעדען יאהר. כאטש די יוניאן איז אין פרינציפ געגען געבען אזא רעכט צו די באסעס, האט זי פונדעסטוועגען צוגעשטימט צום פארשלאג אין די אינטערע־

(שלוס אויף זייט 12)

פרעז. שלעזינגער פארברייננט עטליכע טעג אין ניו יארק צוליב וויכטיגע יוניאן אנגעלעגנהייטען

ברעכט אונטער זיין אפרוה וואס די דאקטוירים האבען געארדערט. — זיין געזונדס־צושטאנד פיל פארבעסערט, ער וועט נאך אבער מוזען צוריקפאהרען פאר אייניגע וואכען אין די בערג. — באזוכט וואשינגטאן אויף דער איינלאדונג וואס ער האט ערהאלטען פון פרעזידענט הואווער צו קומען צו דער „טשיילד העלטה און וועלפעיר קאנפערענץ. — ערהאלט איינלאדונג פון דיסטריקט אטוירני קריין צום קאנפערענץ וועגען קאמף געגען רעקעטירינג.

ברודער בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט פון דער „אינטערנעשאנעל", איז היינטיגען מאנטאג צוריקגעקומען נאך ניו יארק פון די מאונטעינס לעבען ליבערטי, וואו ער האט פארבראכט די לעצטע 3 וואכען, אויפ'ן ארדער פון די דאקטוירים, צוליב זיין געזונט.

פרעזידענט שלעזינגער האט אונטערבראכען זיין נויטיגען אפרוה צו אטענדען פערזענליך צו געוויסע וויכטיגע יוניאן אנגעלעגנהייטען. קומענדיג נאך ניו יארק האט ברודער שלעזינגער זיך גלייך אריינגעווארפען מיט זיין געוויינליכער ענערגי אין דער ארבייט. דעם זעלבען טאג האט ער אפגעהאלטען א וויכטיגען מיטינג מיט די ניו יארקער מיטגלידער פון דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד, וואו עס זיינען אויפגענומען און באשלאסען געווארען אלע איינצעלהייטען, ווי אזוי אויפצופאסען אויף די בעפארשטייענדע עלעקשאנס פאר באצאלטע און ניט באצאלטע בעאמטע פון די קלאוק מאכער לאקאלען. דער מיטינג האט אויך פארהאנדעלט אייניגע אנדערע וויכטיגע יוניאן אנגעלעגנהייטען.

אויף דער איינלאדונג פון פרעזידענט הואווער, וועט ברודער שלעזינגער דעם מיטוואך זיין אין וואשינגטאן ביי דער קאנפערענץ וועגען „קינדער געזונד און

(שלוס אויף זייט 10)

יוניאן נעמט ארונטער אין סטרייק ארבייטער פון וויכטיגען ווייט גודס שאפ

סטרייק ביים פרעזידענט פון דער „ווימענס וועיר ליג" מאכט שטארקען איינדרוק אין טרעיד.

די ווייט גודס מאכער יוניאן לאקאל 62 האט לעצטע וואך ארונטערגענומען אין סטרייק איינעם פון די גרעסטע און וויכטיגסטע אפען־שאפס אין טרייד.

די פירמע וואו דער יוניאן איז געלונגען ארונטערצונעמען די ארבייטער, איז די באוואוסטע דזש. נ. לעווין און קאמפאני, 159 מעדיסאן עוועניו.

די ארגאניזירונג פון דעם שאפ איז ספעציעל וויכטיג, ווייל דער הויפט אייגענטימער, מר. לעווין, איז דער פרעזידענט פון דער „ווימענס וועיר ליג".

דער גאנצער שאפ איז פאראליזירט, ווייל אויסער די ווייט גודס ארבייטערינס, זיינען אויך ארונטער אין סטרייק די קאטערס. לויט די ערקלערונגען פון סעמועל שאר, סופערווייזער פון דער ווייט גודס מאכער יוניאן, און סעם פערלמוטער, מענעדזשער פון דער קאטערס יוניאן, זיינען זיי זיכער אין דורכפיהרען ערפאלגרייך דעם סטרייק.

דער סטרייק האט געמאכט א רושם אין גאנצען טרייד סיי אויף די ארבייטער און סיי אויף די מאנופעקטשורערס.

ארבייטער פון צעהנדליגע שעפער האבען זיך אין די לעצטע עטליכע טעג געווענדעט אין אפיס פון דער יוניאן, מען זאל זיי ארגאניזירען. אין דערזעלבער צייט וואס די ארבייטער קומען זיך ארגאניזירען, איז באקאנט געווארען, דאס א גרופע פון די וויכטיגסטע מאנופעקטשורערס זיינען זיך צוזאמענגעקומען צו ארגאניזירען זיך אין אן אסאסיאיישאן.

סעמועל שאר, דער סופערווייזער פון דער יוניאן, האט ערקלערט, אז ער האפט

(שלוס אויף זייט 10)

די בעפארשטעהענדע וואהלען פאר בעאמטע אין די קלאוקמאכער לאקאלען

אפערייטארס, פינישערס און פרעסער לאקאלען האבען שוין געמאכט נאמיניישאנס. — גרויסע, גוט־באזוכטע מיטינגען ווייזען אז די מיטגלידער זיינען שטארק פאראינטערעסירט אין די עלעקשאנס. — פרעזידענט שלעזינגער צוזאמען מיט דער גענעראל עקזעקוטיווע האבען שוין אויסגעארבייט רולס און באשטימט פראמינענטע פערזאנען אויפצופאסען אויף די עלעקשאנס.

די ניו יארקער קלאוק מאכער לאקאלען מאכען שוין אלע פארבארייטונגען צו ערוועהלען זייערע בעאמטע, עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער און דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד פאר'ן קומענדען יאהר. די קלאוק אפערייטארס לאקאל איינס, פינישערס לאקאל 9 און דער פרעסערס לאקאל 35 האבען שוין געמאכט זייערע נאמיניישאנס. די אנדערע לאקאלען וועלען האבען זייערע נאמיניישאן מיטינגען אין גיכען.

אין עלעקשאנס פאר באאמטע זיינען די מעמבערס אלעמאל שטארק פאראינטערעסירט. היינטיגס יאהר שיינט עס אבער אז דער אינטערעס צווישען די מעמבערס איז נאך פיל שטארקער ווי געוויינליך. די נאמינייישאן מיטינגען פון די אויבענדערמאנטע 3 לאקאלען זיינען געווען אויסערגעוויינליך גוט באזוכט. און די מעמבערס האבען גענומען א שטארקען אנטייל סיי אין די נאמינייישאנס, סיי אין די עלעקשאן־פלענער און אויך אין דער ערוועהלונג פון די לאקאלע אויפפאסערס אויף די עלעקשאנס — די „עלעקשאן און אברושעק־

(שלוס אויף זייט 2)

שיקאגאר קלאוק־באסעס ברעכען אפ מיט דער יוניאן — פאדערן שטיק ארבייט

אינטערנעשאנעל אנטזאגט זיך צו קאנפערירען מיט בעלי בתים אויף דער פראגע. — פרעזידענט שלעזינגער און סעקרעטערי דובינסקי ערקלערען אז די יוניאן דארף זיך אנטזאגען אונטערצושרייבען אן אגרימענט אויף דער שטיק ארבייט סיסטעם.

די קלאוק מאנופעקטשורערס פון שיקאגא האבען געלאזען וויסען די דזשאינט באארד פון די קלאוק, דרעס און ריינקאוט מאכער יוניאן, אז זיי וועלען מעהר ניט האבען קיינע קאנפערענצען מיט די פארטרעטער פון דער אינטערנעשאנאל, סיידען די יוניאן איז צופרידען צו פארהאנדלען אן אגרימענט פאר שטיק־ארבייט.

דאס איז דער אינהאלט פון א לעטער, וועלכען די אסאסיאיישאן האט לעצטען מיטוואך צוגעשיקט צו די דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער לאקאלען, נאכדעם ווי עס איז געהאלטען געווארען א קאנפערענץ צווישען פארטרעטער פון דער יוניאן און פון דער אסאסיאיישאן וועגען א נייעם אגרימענט.

באלד נאכדעם ווי דער לעטער איז ערהאלטען געווארען האבען די באאמטע פון דער דזשאינט באארד גערופען א דזשאינט מיטינג פון דעלעגאטען און עקזעקוטיוו באארדס, האבען גרינדליך דיסקוטירט די סיטואציע און האבען אנגענומען פלענער ווי אזוי צו באגעגענען די שטעלונג פון די קלאוק מאנופעקטשורערס.

מאריס ביאליס, מענעדזשער פון דער דזשאינט באארד, האט אפגעגעבען אן אויספירליכען באריכט פון די פארהאנדלונגען מיט די באלעבאטים. ער האט איבערגעגעבען זייערע טענות פאר וואס זיי פאדערן מען זאל צוריק איינפיהרען שטיק־ארבייט. ער האט אויך איבערגעגעבען די פעסטע שטעלונג געגען שטיק־ארבייט, וואס פרעזידענט שלעזינגער האט גענומען, ווען ער איז געווען אין שיקאגא און וואס ער האט געזאגט צו די באלעבאטים וועגען דער פראגע.

וויס־פרעזידענט ביאליס האט די גאנצע סיטואציע גרינדליך אנאליזירט

(שלוס אויף זייט 2)

גרעסטע לײדיס טיילארס פירמע, מיל־גרים בראס, סעטעלט מיט דער יוניאן

(שלוס פון זייט 1)

זיינען ארויף ארבייטען דורך דער צייט פון סטרייק, מוזען פארלאזען דעם שאפ, און די סטרייק־ברעכער, וואס האבען געארבייט פון פריהער און זיינען ניט ארונטער אין סטרייק, מוזען ווערען יוניאן־מיטגלידער און זייערע אינדיווידועלע קאנטראקטען מיט דער פירמע מוזען בטל ווערען. די פירמע האט דעם באדינג נאכגעגעבען.

אין דער לעצטער סעטעלמענט קאנפערענץ האבען זיך אויסער דובינסקי און וואנדער אויך באטייליגט ב. קרייזין דער מענעדזשער פון דער יוניאן; פיליפ הארעצקי, אסיסטענט מענעדזשער פון לאקאל 10, און ב. דזשייקאבס, טשערמאן פון דער סעטעלמענט קאמיטע פון לאקאל 38.

ריהרענדע סצענעס האט זיך אפגעשפילט ווען די סטרייקער זיינען זיך צוזאמענגעקומען שבת בייטאג אין אודיטאריום פון דער אינטערנעשאנאל אויסצוהערען דעם באריכט פון דעם סעטעלמענט. די פרייד פון די סטרייקערס מיט'ן זיג איז שווער צו באשרייבען. גלייכצייטיג האבען זיי אבער געפילט א ביטערען טראפען אין דעם בעכער פון זייער פרייד. צוזאמען מיט די סטרייקער זיינען אין אינטערנעשאנאל אפיס אויך געקומען די סטרייק־ברעכער וועלכע זיינען פארבליבען ארבייטען אין שאפ אין דער צייט פון סטרייק און וועלכע האבען לויט דעם אפמאך געדארפט ווערען יוניאן־לייטע און געהן צוריק צו דער ארבייט. ווי עס האבען געפיהלט די סטרייקער וועלכע פלעגען יעדען פריה מארגען און אווענד באגעגענען זיך מיט די זעלבע סטרייק ברעכער לעבען שאפ וואו זיי זיינען געשטאנען אויף דער פיקעט־ליין און פלעגען צוזעהן ווי די זעלבינע מענשען געהען ארבייטען אונטערן שוץ פון פאליסלייט, קען מען זיך פארשטעלען. מאנכע פון די היציגערע סטרייקער זיינען געווען אזוי פארביטערט אז זיי האבען בשום אופן ניט געוואלט צושטימען צו געהן צוריק ארבייטען מיט די מענשען. די געפיהלען פון א גרויסען טייל סטרייקער זיינען געווען אזוי אויפגעברויזט אז מען האט געמוזט די סטרייק־ברעכער האלטען אין א באזונדער פלאץ אויס'ן פינפטען פלאר, ניט מיט די סטרייקערס צוזאמען. די געלאסענערע פון די סטרייקער, איבערהויפט די מעהר ערפאהרענע טעטיגע יוניאן־לייט, האבען אבער מיט אלע מעגליכקייטען געזוכט צו בארוהיגען די אויפגעברויזטע געמיטהער, אנווייזענדיג זיי אז יוניאן־לייט זיינען ניט אויסען צו נעהמען נקמה, זיי ווילען בלויז ערציהען די צוריקגעשטאנענע ארבייטער און זיי אויפקלערען.

די פרייד מיט דעם זיג פון די סטרייקערס ביי „מילגרים בראדערס" האט זיך ניט באגרענעצט בלויז אויף די ארבייטער פון דעם שאפ אליין. ווען די נייעס פון דעם סעטעלמענט איז באוואוסט געווארען צו די סטרייקערס פון די אנדערע שעפער האט עס ארויסגערופען אן אונבאשרייבליכע פרייד און ענטוזיאזם. סטרייקערס האבען געטשירט און געשריען „הורא" און זיך געכאפט קושען איינער דעם אנדערען. די סטרייקערס זיינען איצט זיכער, אז אויב די יוניאן האט גענומען די שטארקסטע אנטי־יוניאן־פעסטונג, וועט עס שוין לאנג ניט נעמען און אויך די עטליכע איינגעשפארטע באסעס פון דער אסס'ן וועלען סעטלען.

מילגרים בראדערס איז געווען איינע פון די פארביסענסטע אנטי־יוניאן לײדיס טיילאר פירמעס פאר די לעצטע 12 יאהר. מיט 12 יאהר צוריק האט די יוניאן אנגעפירט א ביטערען, לאנג־פארצויגענעם סטרייק מיט דער פירמע, וואס האט דער יוניאן אפגעקאסט הונדערט טויזענד דאלאר. יענער סטרייק איז פארלארען געגאנגען, און די פירמע איז פון דאן אן פארבליבען א ניט־יוניאן פלאץ. זי האט דאן דער יוניאן באקעמפט מיט פאלים און אינדזשאנקשאנס, און זי האט עס אין דעם איצטיגען סטרייק אויך געטאן. אבער די לײדיס טיילארס האבען איצט אנגעפירט אזא שטארקען העלדישען און בראווען קאמף אויף דער פיקעט־ליין, אז די פירמע איז בעצוואונגען געווארען נאכצוגעבען.

די ארבייטער פון מילגרים בראדערס זיינען שוין מאנטאג פריה געגאנגען צוריק צו דער ארבייט, צווישען זיי האט געהערשט גרויס פרייד און באגייסטערונג. דאס זיינען זיי צום ערשטען מאל פאר די לעצטע צוועלף יאהר געגאנגען צו דער ארבייט אלס יוניאן לייט אין א יוניאן שאפ מיט יוניאן באדינגונגען.

דזשענעראל סעקרעטאר ד. דובינסקי האט אין א סטייטמענט ערקלעהרט, אז דער סעטעלמענט פון מילגרים בראדערס וועט זיכער האבען א ווירקונג אויף די עטליכע בעלי בתים פון דער אסאסיאיישאן און זיי וועלען זיין געצוואונגען צו סעטלען.

ברודער דובינסקי האט זיין סטייטמענט געמאכט אלס ענטפער אויף א סטייטמענט פון פרעזידענט פון דער אסאסיאיישאן, וואו ער זאגט, אז דער מילגרים בראדערס סעטעלמענט וועט ניט באוועגען זיי צום סעטלען. דובינסקי האט אויף דעם געענטפערט, אז די יוניאן באטראכט שוין איצט די איבעריגע פאר שעפער וואס שטעהען אין סטרייק פאר ניט וויכטיג. מיט מילגרים בראדערס סעטעלמענט זיינען שוין איצט ארום 80 פראצענט פון די סטרייקער צוריק ביי דער ארבייט. אין גאנצען זיינען געבליבען ארום 350 סטרייקער און אזא צאהל סטרייקער וועט די יוניאן קענען אויסהאלטען ווי לאנג זיי זאל ניט אויסקומען צו סטרייקען. אויב ווער וועט יא ליידען פון דער איינגעשפארטקייט פון די אסאסיאיישאן בעלי בתים וועלען עס זיין ניט קיין אנדערע ווי די בעלי בתים אליין, האט דובינסקי ערקלעהרט.

דער זיג ביי „מילגרים בראדערס" האט ביי די פארבליבענע סטרייקער נאך פארשטארקט דעם מוט און ענטוזיאזם פאר'ן סטרייק און אנטשלאסענהייט צו קעמפען ביז א פולשטענדיגען זיג. די פיקעט דעמאנסטראציעס ווערען פארטגעזעצט מיט דער גרעסטער ענערגיע.

היינטיגע וואך האט זיך אין סטרייק אריינגעמישט די סטעיט ליבאר קאמישאנער מיס פראנסיס פוירקינס. אין א בריף וואס זי האט געשיקט צו פרעזידענט שלעזינגער פון דער אינטערנעשאנאל און צו דער אסאסיאיישאן לאדט זי איין ביידע צדדים צו א קאנפערענץ אונטער'ן אויפזיכט פון סטייט לייבאר דעפארטמענט אין א פארזוך צוזאמענצוברענגען ביידע צדדים און סעטלען דעם סטרייק.

דער קאנפערענץ האט געזאלט אפגעהאלטען ווערען היינטיגען מאנטאג אין ניו יארק. אין דער אבוועזענהייט פון ברודער שלעזינגער וועלכער געפינט זיך איצט ניט אין שטאדט צוליב זיין שוואכען געזונט, האט דזשענעראל סעקרעטאר טרעזשורער דובינסקי, געענטפערט אויף דער איינלאדונג פאר דער יוניאן. ער האט געלאזט וויסען, אז די יוניאן איז אלעמאל גרייט צו קאנפערירען און סעטלען דעם סטרייק אויב נאר די ארבייטער וועט פארזיכערט ווערען מענשליכע ארבייטס באדינגונגען.

דער פרעזידענט פון דער אסאסיאיישאן האט פארלויפיג געגעבען דעם תירוץ אז ער איז געווען אויסען שטאדט און האט דעריבער ניט געקענט אויפנעמען די פראגע וועגען דעם פארגעשלאגענעם קאנפערענץ מיט זיינע מעמבערס. ער האט געלאזט וויסען אז די אסאסיאיישאן וועט פארהאנדלען די איינלאדונג פון סטייט ליבאר קאמישאנער ביי א מיטינג דינסטאג אין דער פריה און וועלען דאן געבען אן ענטפער אויב זיי נעהמען אן די איינלאדונג.

אלץ וואס עס איז איצט נויטיג איז נאך מעהר פארשטארקען די טעטיגקייט אויף דער פיקעט־ליין און די עטליכע באסעס פון דער אסאסיאיישאן וועלען איינזעהן אז דער סטרייק איז פאר זיי א צו טייערער ביסען. מיט דער ברידערליכער שטיצע וואס די קלאוק און דרעסמאכער דזשאינט באארדס און לאקאלען האבען באוויליגט פאר'ן סטרייק און מיט דער הילף פון דער אינטערנעשאנאל וועלען די סטרייקער אויסקעמפען זייערע באדינגונגען פונקט ווי דאס האבען אויסגעקעמפט די סטרייקער פון „מילגרים בראדערס".

אידישע יוניאנס פון אמעריקא שיקען פראטעסט צו ענגלישער ארבייטער פארטיי

די פאלגענדע רעזאלוציע איז אפגעשיקט געווארען פון די אידישע יוניאנס אין אמעריקא צו דער ארבייטער פארטיי אין ענגלאנד:

„מיר, די אונטערגעשריבענע, פארטרעטענדיג איינינע הונדערט טויזענט ארגאניזירטע ארבייטער אין אמעריקא, דריקען אויס אונזער טיפסטען באדויערען און אנטוישונג איבער'ן לעצטען סטייטמענט פון בריטישען קאלאניאל אפיס וועגען דער פאלעסטינע פאליטיק. דער דאזיגער סטייטמענט באדייט דער איבערריים פון דער אידישער איינוואנדערונג, און די שטערונג פון לאנד־קויף פאר אידישער קאלאניזאציע, וועלכע זיינען די צוויי פונדאמענטאלע באדינגונגען פאר דעם אויפבוי פון א אידישען נאציאנאלען לעבען אין ארץ ישראל. אזא פאליטיק וואלט באדייטעט אן ענטגילטיגען ברוך פון די צוזאגען פונ'ם ארץ ישראל מאנדאט בנוגע דער עטאבליזירונג פון א אידישער נאציאנאלער היים און שטעהט אין שארפען געגענזאץ צו דער טראדיציאנעלער פאליטיק פון דער בריטיש לייבאר פארטיי, וועלכע איז ווידער אמאל אינדארסירט געווארען ביי איהר לעצטער יעהרליכער קאנווענשאן.

„מיר זיינען באזונדערס דערשטוינט איבער די אומבאגרינדעטע אטאקעס, וואס זיינען ענטהאלטען אין דער דערקלערונג פון קאלאניאל אפיס וועגען דער ארגאניזירטער אידישער ארבייטערשאפט אין ארץ ישראל און איהרע אינסטיטוציעס. די ערקלערונג פון מיסטער מעקדאנאלד און מאנכע פון די פראמינענטסטע פיהרער פון דער סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג, אלס רעזולטאט פון זייערע באזוכען אין ארץ ישראל, בראנדמארקען די אינסינואציעס פון קאלאניאל אפיס אלס געגענזעצליך צו די פאקטען. די פארלוימדונגען, וועלכע ווערען געווארפען אויף די קאאפעראטיווע מעטאדען פון פראדוקציע און קאנסום און א טייל אידישע קאלאניעס זיינען זיכער ניט בהסכם מיט דער פאליטיק פון דער ארבייטער באוועגונג אין גרויס בריטאניא און קענען בשום אופן ניט שטאמען פון איהר פיהרערשאפט.

„דער ניצליכער איינפלוס פון דער אידישער קאלאניזאציע אין ארץ ישראל אויף דער ארבייטער באפעלקערונג איז א גוט־באקאנטער פאקט, און די באמיאונגען פון דער „הסתדרות" צו ארגאניזירען די אראבישע ארבייטער, זיינען די איינציגע האפענונג צו באפרייען די אראבישע מאסען פון דעם האלב־פעאדאלען יאך אונטער וועלכען זיי לעבען דורות לאנג. די פריידליכע און פריינדליכע באציהונגען צווישען אידען און אראבער, וועלכע זיינען אזוי נויטווענדיג פאר'ן פראגרעס פון דעם לאנד, און צו וועלכע די אידישע ארבייטער שטרעבען מיט אלע זייערע כחות, קענען נאר געשטערט ווערען און ניט געהאלפען ווערען פון אזעלכע דעקלאראציעס.

„אלס אינטערנאציאנאלע סאציאליסטען און אלס פריינד און באוואונדערער פון דער גרויסער בריטישער ארבייטער באוועגונג, קענען מיר ניט גלויבען, אז אט די שטעלונג זאל אינדארסירט ווערען פון דער בריטישער לייבאר פארטי, וועמעס פיהרער און א סך פון איהרע אנהענגער האבען אלע מאל ארויסגעוויזען א טיפע פארשטענדניס פאר די צילען און דערגרייכונגען פון דער אידישער ארבייטערשאפט אין ארץ ישראל.

„מיר האפען אויפריכטיג, אז די ענגלישע לעיבאר פארטיי וועט אויסנוצען איהר גאנצען איינפלוס כדי די ארבייטער רעגירונג זאל ערפילען איהרע אינטערנאציאנאלע פארפליכטונגען בנוגע דעם אויפבוי פון ארץ ישראל, וועלכע, מיר גלויבען, זיינען ניט נאר אין די אינטערעסען פון דעם אידישען פאלק, נאר אויך אין די אינטערעסען פון דער אראבישער נאציע, און פון דער גאנצער פראגרעסיווער מענשהייט.

אונטערגעשריבען:

בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן; דוד דובינסקי, גענעראל־סעקרעטער, אינט. לײדיס גארמ. וואירקערס יוניאן; אב. מילער, סעק.־טרעזשורער נויארק דזשאינט באארד א. ק. וו. יו.; מאריס פיינסטאון, גענעראל־סעקרעטאר, פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען; מאקס זאריצקי, פרעזידענט אינט. קעפ און מילינערי וואירקערס יוניאן; מאקס צוקערמאן, עהרען־סעקרעטער פון קעפ און מילינערי וואירקערס יוניאן; מאריס קאופמאן, פרעזידענט פון אינט. פאריערס יוניאן; אב. שיפלאקאף, טשערמאן פון נאציאנאלען ארבייטער קאמיטעט."

יוניאן ווארפט צוריק פארלאנג פון אינסייד מאנופעקטשורערס ווידער איינצופיהרען שטיק־ארבייט

(שלוס פון זייט 1)

אויף דעם האט זיי פרעזידענט שלעזינגער געענטפערט דאס פאלגענדע:

„ערשטענס האט די יוניאן מיט די דרעס מאנופעקטשורערס געמאכט אן אנדער אגרימענט; און צווייטענס, האט מען מיט זיי געמאכט אן אגרימענט בלויז אלס דרעס מאנופעקטשורערס פאר דרעסעס און ניט פאר קלאוקס, און אויב מאנכע דרעס מאנופעקטשורערס מאכען קלאוקס אונטער נידעריגע ארבייטס באדינגונגען האבען זיי עס קיין רעכט ניט צו טאן. דאן שלאגט די יוניאן פאר, אז ס'זאל קודם כל געמאכט ווערען אן אונטערזוכונג אונטער דער אויפזיכט פון די אומפארטייאישע טשערליים פון די קלאוק און דרעס אינדוסטריס אויסצוגעפינען אפריהער אין וויפיל דרעס שעפער ס'ווערט געארבייט קלאוקס און אונטער וועלכע באדינגונגען דארט ווערט געארבייט און ווען דאס וועט פעסטגעשטעלט ווערען דאן באשטעהט די יוניאן דורכאויס אויף דעם, אז אנשטאט ארונטערצוברענגען די קלאוקס אינדוסטריע אונטער דעם נידעריגען סטאנדארד פון די דרעס שעפער, זאל מען די באדינגונגען אין די דרעס שעפער אויפהויבען צו דעם סטאנדארד פון די קלאוק שעפער.

דזשענעראל סעקרעטאר־טרעזשורער דובינסקי האט ענטשידען אפגעלייקענט דעם קלאנג וואס מאנכע מאנופעקטשורערס האבען פארשפרייט, אז די יוניאן האט געזוכט צו האלטען א געהיימע קאנפערענץ. דובינסקי האט ערקלעהרט, אז די יוניאן האט קיין געהיימע קאנפערענצען קיינמאל ניט פארלאנגט און ניט געזוכט. ער האט אויך געענטפערט אויף דער ערקלעהרונג וואס מאנכע מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען זיך אנטזאגט אנצוגעבען זייערע נעמען האבען פארעפענטליכט אין דעם טרייד־ארגאן, די „וואומענס־וועיר", אז אין קלאוק טרייד וועט צוריק איינגעפיהרט ווערען שטיק־ארבייט. דובינסקי האט אויף דעם געענטפערט, אז די מאנופעקטשורערס נארען זיך אליין אפ. די יוניאן וועט קיין מאל ניט דערלאזען צוריק איינפיהרען די שטיק־ארבייט סיסטעם אין קלאוק־טרייד.

סקירטמאכער, מעמבערס פון לאקאל 23, אויפמערקזאם!

אלע מיטגלידער זיינען אויפגעפאדערט צו באזוכען דעם דזשענעראל מעמבער מיטינג, וואס וועט אפגעהאלטען ווערען דאנערשטאג, דעם 13טען נאוועמבער, 6.30 אזייגער אין ברייענט האל, 1087 זעקסטע עוועניו, צווישען דער 41טער און 42טער סטריט. דער צוועק פון מיטינג איז פאלגענדע:

1. צו ערוועהלען אן עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע.

2. נאמינײשאנס פאר מענעדזשער, מעמבערס צו דער עקזעקוטיוו באארד, רעליעף קאמיטע און דזשענעראל מענעדזשער פון דער דזשאינט באארד.

ווי איהר זעהט איז דער מיטינג זעהר וויכטיג און איהר זענט דעריבער ערזוכט דיים זעלבען צו אטענדען.

מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד לאק. 23,
סעם פרימעד, מענעדזשער
ל. רעיס, טשערמאן.

ווינידאַ בעסער קענען און מעהר אינטערעסי-רען זיך מיט אונזער נעקסט-דאָריגען

פון ש. יאנאָווסקי

מיר לעבען אין דער ריזען-שטאט, וועלכע הייסט ניו יארק.

פאראן גענוג פעלקער אויף דער וועלט, וועלכע זיינען צומאל א העלפט ניט אזוי גרויס, ווי די איינוואוינער פון בלויז אזא ווינקעל אין ניו יארק, ווי עס איז, למשל, ברוקלין אדער די בראנקס.

אין איין אפארטמענט הויז לעבען אזוי פיל מענשען, אז זיי וואלטען גע-קענט צוזאמענשטעלען א גאר היבש שטעטעל אין גאר פילע לענדער פון דער וועלט.

און ווייל די מענשען זיינען דא אזוי פיל, ממש ווי די זאמד אויפ'ן ברעג פון ים, אזוי, דאס עס איז איינפאך אומ-מעגליך, אז איינע מיט די אנדערע זאלען זיין אפילו אויבערפלעכליך בא-קאנט, שוין ניט ריידענדיג פון צו זיין אינטים, דערפאר קאן עס דא פאסירען מעהר ווי ערגעץ אנדערש, אז דער גרעפ-טער, דער פאליטישען פון דעם ערגסטען סארט זאל דא קענען גאנץ עפענטליך באגעהן זיינע שוידערליכע לומפערייען, און ניט נאר בלייבען אומבאשטראפט, נאר נאך שפילען גאר א גרויסע ראליע אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען.

און טרעפט אמאל אין א נאווינע, אזא געזעלשאפטליכער טוער, וועמען מען האט ניט געכאפט גנב'ענען בוינעל פון די מולטערס, ווערט ער באטראכט אלס א גאר זעלטענע בריאה, אלס אן אויסנאם אין דער וועלט, און קיין קלע-נערע שטעלע ווי צו זיין דער סאמע פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען איז גאר ניטא פאר אים. א קליינינ-קייט עפעס א מענש, וועמען מען האט ניט געכאפט ביי דער האנט? וואו זעהט מען היינט אזעלכע מענשען?

איהר האט עס געקענט זעהן אין דעם לעצטען וואהל-קאמפיין אין ניו יארק. עס האט ניט געקאנט געמאכט ווערען קלארער, ווי דאס האבען געטאן די סא-ציאליסטען פון איין זייט און מר. טא-מעל, דער רעפובליקאנער קאנדידאט, פון דער צווייטער זייט, וואס פאר א שרעק-ליכע באנדע פון גאנגסטערס און ראקע-טירס עס שטעלט מיט זיך פאר אונזער טעמעני. און דאך, וואס פאר א געוואל-דיגע צאהל שטימען עס איז אפגעגעבען געווארען פאר אט דער מורא'דיגער גרעפ-טער-באנדע?

וואס זשע באווייזט עס? זאלען מיר דערפון דרינגען, אז ביי דעם גרויסען עולם פעהלט געגצליך דער מאראלישער געפיהל, און דאס ער איז גאנץ גלייכ-גילטיג און אפגעשטומפט צו די שרעק-ליכסטע נבלות? אדער איז עס, אפשר, דער געפיהל און דער באוואוסטזיין, דאס די אפאנענטען, וועלכע דונערען עס מיט אזא אנשטעל פון צארן געגען די פאר-ברעכער, זיינען אליין ניט א הארעלע בעסער, און דאס זיי מיינען ניט די הגדה, נאר די קניידלאך, און דאס אזוי שנעל, ווי זיי וועלען זיין ביי דער שי-סעל, וועלען זיי ניט זיין אויף דאס מינד-סטע ערליכער און אנשטענדיגער, ווי די, וועמען זיי ווילען עס אוועקטרייבען פון די פעטע טעפ?

עס איז געוויס דא א שטיק אמת אין ביידע השערות. אבער, ווי מיר שיינט, איז די הויפט צרה אין דער פאלשטענדיגער גלייכגילטיגקייט פון דעם גאנץ גרויסען עולם צו דאס, וואס קומט ווירקליך פאר אין אונזער וועלט.

עס איז דער געפיהל פון, ווי דער רוס דריקט זיך אויס, „מאיא האטא ס'קראיו, יא ניטשעוואָ ניע זנאיו", וואס מען קאן איבערזעצען אין אידיש: „איך שטעה פון דערווייטענס און וויל גאר-ניט וויסען", וואס איז די גרעסטע שולד פון דער שרעקליכער קארופציע, מיט וועלכער עס איז דורכגעזאפט אונזער גאנצער עפענטליכער לעבען.

עס איז דער געפיהל, וויבאלד איך אליין לייד ניט דירעקט, טו איז גלייכער איך זאל זיך ניט מישען. און דערפאר קלעפען זיך צו די מענשען די ניין מאס רייד פון די קאמפיינס, ווי ארבעס צו דער וואנט. די רעדנער מעגען זיך צר-רייסען די העלזער, אבער דער ניו יאר-קער אדער ער הערט זיך גארניט צו, אדער עס געהט אים אין איין אייער אריין און פון דעם אנדערען ארויס, און ער שטימט ווי זיין טאטע, ווי זיין זיידע האט עס געטאן, און ער פארשפארט זיך אויסדארען זיין גרויסען מוח, ווי ער זאל שטימען.

ערגער פון אלץ איז, דאס אין דעם גרויסען ניו יארק האט איר זעלטען א פריינד, א שכן מיט וועמען זיך דורכצו-ריידען. איר זענט פרעמד צו אלע, און אלע זיינען צו אייך פרעמד. מען קאן זאגען אן א גוזמא, דאס עס איז ניטא א פלאץ אין דער וועלט, וואו דער מענש איז מער איינזאם, ווי אין דעם גרויסען ניו יארק, מיט זיין באפעלקערונג פון 7 מיליאן מענשען.

אט וואוינט איר אין א הויז. איר זיינט ארומגערינגעלט דארט פון גאר פי-לע מענשען. הינטער אייער וואנט לע-בען, אטעמען, דענקען און פיהלען און מוטשען זיך מענשען, אזוי ווי איר. זיי זיינען אייערע נאהענטסטע שכנים. וואס ווייסט איר אבער פון זיי, און וואס ווי-סען זיי פון אייך? גארניט! איר זיינט פרעמד איינע צו די אנדערע, אזוי ווי איר וואלט געווען אפגעטיילט דורך טוי-זענטע מיילען.

איר ווייסט ניט צי אייער שכן דענקט גלייך מיט אייך, צי ער איז פון גאר אן אנדער מיינונג. און אט אויף דעם באדען פון אפגעפרעמדקייט, פון ניט קענען איינע די אנדערע, פון דער געגצליכער גלייכגילטיגקייט פון איינע צו די אנדערע, ווידמענען זיך אלע אונ-זערע פאליטישע שרצים.

מען רעדט פון אן עפענטליכע מיי-נונג. אבער, הלואי וואלט געווען אזא זאך, און אונזער גאנצער לעבען וואלט נאר אנדערש אויסגעזעהן. אבער דער אומגליק איז, דאס אזא עפענטליכע מיי-נונג איז ניטא. דאס, וואס געהט ביי אונז אונטער דעם נאמען, איז עטוואס גאנץ פאלשעס, פאבריצירטעס, און אט די עפענטליכע מיינונג בלומרשט העלפט נאך ביז צו א גרויסען גראד דעם הפקר-פעטרושקע אין אונזער לעבען אלץ מעהר און מעהר צו בושעווען, און דאס איז אלץ דערפאר, וואס מיר קענען זיך ניט צוזאמענריידען, אזוי אז מיר זאלען קע-נען פארשטעהן איינע די אנדערע, און מיט דער צייט אויסארבייטען אלגעמיי-נע צילען, פאר וועלכע מיר זאלען קענען ארבייטען צוזאמען.

איך האב דערפאר אימער צו בא-טראכט די ארבייטער יוניאן פאר א גרויסע אינסטיטוציע, אין וועלכער עס זאל מיט דער צייט, דורך צוזאמענריי-דען זיך, דורך אויסבייטען זיך מיט די מיינונגען, קענען זיך אויסבילדען אט דער אנפאנג פון אן אמת'ער עפענטלי-כער מיינונג, וועלכע איז אזוי וויכטיג און נויטיג פאר אונזער ווייטערען פארט-שריט. איך האב אימער גע'טענה'ט, אז ווען אפילו די יוניאן זאל ברענגען ניט קיין גרויסע מאטעריעלע נוצען די אר-בייטער, וואס איז טאקע ניט אלעמאל אזוי לייכט, איז אבער דאס גופא, וואס די ארבייטער קומען זיך צוזאמען, ריי-דען זיך דורך איבער פארשידענע פרא-גען, פון גאר א גרויסער וויכטיגקייט.

מוז עס אבער אנערקענט ווערען מיט א געפיהל פון גרויסען שמערץ, אז אין דער יוניאן גופא קען ניט איין ברודער דעם צווייטען, און אז דארט גופא בלייבען זיי זיך ווילד-פרעמדע איינע צו די אנדערע.

איך ווייס ניט, ווי ווייט עס איז אמת דאס, וואס ברודער אייזענשטאט שרייבט אין פאריגען נומער „גערעכ-טיגקייט", אז „מען רופט ניט קיין מי-טינגען זיך דורכצוריידען מיט זיי (די מעמבערס פון דער יוניאן), וואס ווייס דער מעמבער פון זיין יוניאן, פון אירע אויפטואונגען פון איר טעגליכען קאמף אין לעבען, אז מען רופט אים בלויז איינ-מאל אין צוויי מאנאטען אויף א שטונדע אדער צוויי, וואו אפילו קיין געשריבע-נער באריכט פון דער עקזעקוטיוו ווערט ניט פארגעלייענט", — איך זאג, איך ווייס ניט, אויב אט די שורות זיינען טאקע אין איינקלאנג מיט דער ווירק-ליכקייט. איך בין ניט באקאנט איצט מיט דעם אינערליכען לעבען אין די פארשידענע לאקאלען. איך ווייס, דאס פאר מיין צייט האט מען געהאלטען אין איין אפעלירען צו די מעמבערס, אז זיי זאלען וואס אפטער קומען צו די מי-טינגען. איך געדענק אויך, אז ווען אט די שטענדיגע אפילס האבען ניט געהאל-פען, איז מען געווען געצוואונגען אין אייניגע לאקאלען צו באשטימען א גע-וויסע געלד-שטראף פאר יעדען, וואס זאל פארפעלען צו קומען צו א מיטינג.

איצט, אויב נאר ברודער אייזענ-שטאט איבערטרייבט ניט אביסעל, ריי-סען זיך די מעמבערס דוקא צו קומען צו די מיטינגען, נאר קיין מיטינגען ווערען ניט גערופען. איז, אויב דאס איז ווירקליך אזוי, איז דאס א זעהר ערנסטע לאגע, און עס איז גוט, דאס ברודער אייזענשטאט האט עס געבראכט אין די עפענטליכקייט. עס איז ניטא דער מינדסטער צווייפעל, דאס דער אפיס פון דער אינטערנעשאנעל וועט זיך פאר-נעמען מיט דעם און וועט געוויס זארגען אז דאס זאל אנדערש ווערען.

נאר, ווי דאס זאל ניט זיין אין דעם געגעבענעם פאל, אבער פון ערפארונג ווייס איך, אז די מעמבערס, צוליב אזא אדער אנאנדער אורזאכע, זיינען גארניט אזוי גערן צו קומען צו די מיטינגען און זיך ווירקליך פאראינטערעסירען מיט אלץ, וואס אין זייער אייגענער יוניאן, און זייער אייגענער באלעבאטישקייט, קומט פאר. און קומען זיי שוין צו די מיטינגען איז, ווי איך האב אפט בא-מערקט, אינטערעסירט זיי נאר די אנ-געלעגענהייט, וואס רירט זיי אן גאנץ פערזענליך, וואס טוט זיך אין זייער שאפ, האבען אבער א קנאפען אינטער-רעס, ווען עס האנדעלט זיך וועגען עט-וואס, וואס קומט פאר אין אנאנדער שאפ.

ווער רעדט שוין וועגען א ברייטערען אינטערעס אין דער אלגעמיינער לאגע פון די ארבייטער אין די פארשידענע טריידס און אין אנדערע שטעדט אדער לענדער, דערפון איז כמעט קיין סמן ניט צו מערקען. און רירט איינער אן אזא מין אנגעלעגענהייט, קוועטשט מען מיט די פלייצעס: „וואס נודיעט ער דארט?"

און דאך, וואו אנדערש האבען די ארבייטער באדארפט אויסברייטען און פארטיפען זייער בליק אויפ'ן לעבען, אויב ניט אין דער יוניאן? וואו אנ-דערש האט באדארפט הערשען דער טיפ-סטער אינטערעס פון איין ברודער אין דעם אנדערען, אויב ניט אין דער יוניאן?

אך, ווען דאס וואלט נאר אזוי געווען, וואלטען מיר דען געהאט אזא גרויסע צאל ארבייטסלאזע אפילו אין דעם איצטיגען קריזיס? וואלט דען די יוניאן געמוזט שטענדיג זיין אויף דער וואך, אז אירע מעמבערס זאלען ניט אר-בייטען חלילה אום שבת, ווען זיי טארען ניט? אז זיי זאלען ניט ארבייטען אווערטאים, ווען עס געהען ארום אזוי פיל מענשען ארבייטסלאז און זיי און זייערע פרויען און קינדער ליידען פון הונגער און קעלט?

ווען עס וואלט ווירקליך געווען אט דער טיפער אינטערעס אין דעם שיקזאל פון שכן, מעהר, פון אייער ברודער, וואל-טען מיר דען שוין לאנג ניט געהאט א סארט אנעמפלאימענט אינשורענס, נאר ניט פרעגענדיג, וויפיל דאס וועט מוזען קאסטען יעדען מעמבער אויף זיין חלק?

איך דערמאן זיך, דאס ווען דער אנ-עמפלאימענט אינשורענס איז געווען איינגעפירט אין דער קלאוקמאכער יו-ניאן, און יעדער ארבייטער האט בא-דארפט בייטראגען א קליינעם פראצענט פון זיינע ווידזשעס צום פאנד, — גע-דענק איך גאנץ גוט, וואס פאר א גראמב-לערייען עס זיינען אנגעגאנגען, וואס איז? עס קאן פאסירען אז ניט אלע צאלער זאלען דארפען אנקומען צום פאנד, ווייל זיי האבען דאן געהאט מער אדער ווייניגער סטעדי ארבייט. איז דאס ניט געווען די שטארקסטע קאריקא-טור אויף אונזער יוניאן-געפיהל? איז דאס ניט געווען דער שטארקסטער בא-וויז, ווי ווייניג דער אמת'ער געפיהל פון יוניאניזם, פון סאלידאריטעט איז אריינגעדרונגען אין די הערצער און מוחות פון אונזערע מערסטע מעמבערס?

געוויס, מען קאן ניט זאגען, אז אונזערע מעמבערס זיינען גאר קיין יו-ניאן-מענשען ניט. מען קאן אנווייזען, אז עס איז קיינמאל ניט פארגעקומען א פאל, וואו ארבייטער האבען זיך גענוי-טיגט אין הילף, אז די יוניאן זאל זיך ניט אפרופען אזוי גרויסמוטיג, ווי נאר מעגליך. צענדליגע, הונדערטע טויזענ-טע דאלארס זיינען אויסגעגעבען געווא-רען פון אונזערע יוניאנס אין פארשי-דענע קעמפע פון ארבייטער, וועלכע הא-בען ניט געהאט קיין דירעקטע שייכות מיט אונזערע יוניאנס. די ערשטע צו שי-קען ברויט צו די הונגעריגע קינדער אין רוסלאנד איז געווען די אינטערנעשא-נעל. די ערשטע צו העלפען די שטאל-סטרייקער, די מיינער און וועמען ניט, דאס איז געווען די אינטערנעשאנעל.

אויך איז עס וואויל באקאנט, דאס עס דארף נאר געגעבען ווערען דער סיג-נאל צום קאמף, און די קלאוקמאכער און דרעסמאכער שטעהען אלע, ווי איין מאן.

דאס אלעס איז געווען צו זייער קרע-דיט, און עס וואלט געווען א זינד צו פארגעסען אן דעם, ווען מיר ערלויבען זיך אנצואווייזען אויף מאנכע פעהלער. אבער גרויס, ווי דאס זיינען געווען די אויפטואונגען פון אונזערע יוניאנס אין די פעטע יארען, ווען די קאסען פון די יוניאנס זיינען געווען פול, און לויבענס-ווערט ווי עס איז דאס, וואס אונזערע יוניאן-לייט זיינען אזעלכע גוטע קעמ-פער, מוז אבער געזאגט ווערען, אז די ריכטיגע פראבע פאר א גוטען יוניאן-מאן איז ניט דאן, ווען עס געהט אלעס כשורה, און ווען עס פארדינט זיך גע-שמאק, און ווען עס איז דא גענוג אר-בייט פאר אלע. נייז, דער עושר קאן זיך אימער פארגינען אויף א מאמענט צו זיין א בעל צדקה און דערפאר קומט אים קיין דאנק ניט.

דער ריכטיגער יוניאן מאן ווייזט ארויס ערשט זיין סאלידאריטעט מיט זיינע ברידער, ווען אים אליין איז ניט איבעריגס גוט. דער ריכטיגער יוניאן-מעמבער איז ניט נאר א קעמפער און געטרייער סאלדאט פאר זיין יוניאן איינמאל אין א שמיטה, ווען דער אל-געמיינער קאמף פלאקערט, נאר יעדען טאג אין יאר.

דאס איז די אמת'ע פראבע, אויב איינער פארדינט דעם ערען-טיטעל: יוניאן-מעמבער! אבער די שטארקסטע פראבע איז, ווי ווייט ער אינטערעסירט זיך מיט דעם שיקזאל פון זיין ברודער-מענש, פון זיין נעקסט-דאריגען, אפילו ווען אים אליין געהט אויך ניט זעהר גוט.

שאפ-טשערמאן פרעזענטירט.

די שלעכטע צייט אין לאנד האט נא-טירליך געהאט א ווירקונג אויף דעם גאנג פון מתנות פאר שאפ דעלעגאטען. אין שלעכטע צייטען זיינען די ארבייטער ניט זעהר אפט צופרידען מיט זייערע פארטרעטער. עס דאכט זיך, טאמער, טאמער טאקע איז דער טשערמאן שול-דיג אין די אלע זאכען. אבער אזוי ווי יעדער וואלקען האט א זילבערנעם אונ-טערשלאק, אזוי זיינען אויך דא גאנץ פרעהליכע אויסנאמען אין דער פסיכא-לאגיע פון דעם ארבייטער ביי דעם איצ-טיגען מאמענט.

אט האבען מיר, די ארבייטער פון סיגנעל און אליינקאף, 520 8טע עוו., א לאקאל 17 שאפ, אנערקענט די אר-בייט פון אונזער שאפ טשערמאן, ברו-דער דזש. סעמועלס, און האבען איהם פרעזענטירט מיט א שעהנער מתנה פאר זיין גוטער איבערגעבענער און פרוכט-בארע ארבייט פאר די ארבייטער פון אונזער שאפ. מיר האפען אז ער וועט דעם פרעזענט געברויכען אין פרעהליכע אומשטענדען או זאז ער וועט פארטזע-צען זיין ארבייט און זיין טעטיגקייט.

ל. מאלמאן, לאקאל 17.
א. ראקא, לאקאל 17.
ק. סאמסאן, לאקאל 82
שאפ קאמיטע.

די בעפאָרשטעהענדע וואַהלען פאר בע־אַמטע אין די קלאָוקמאַכער לאָקאַלען

(שלוס פון זייט 1)

שאָן קאָמיטעס".

לערנענדיג פון די פארגאַנגענע עלעקשאָנס און די נאָכוועהען, קלאַגען און געגען־קלאַגען וועגען ניט רעגעלמעסיגקייטען ביי עלעקשאָנס, וואָס פלעגען אלעמאָל פאָרקומען, און וועלענדיג פארהיטען אין דער צוקונפט ענליכע פאסירונגען, האָט די דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד ביי איהר לעצטען מיטינג באַשלאָסען, אַז די אינטערנעשאָנעל זאָל אַליין נעמען אויפזיכט אויף אלע לאָקאַלע עלעקשאָנס. פרעזידענט שלעזינגער מיט דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, האָבען דעריבער ביים מיטינג, וואָס זיי האָבען אָפּגעהאַלטען היינטיגען מאָנטאג, אויסגעארבייט די נויטיגע רולס, לויט וועלכע די עלעקשאָנס אין אלע לאָקאַלען ווערען דארפען געפיהרט ווערען. די „באָארד" האָט אויך באַשטימט קאָמיטעס פון וויס־פרעזידענטען אויפצופאַסען אויף די וואהלען אין יעדען לאָקאַל, און איינגעלאַדען די צוויי פראָמינענטע פערזאָנען, ראָדזשער באָלדווין, דירעקטאָר פון דער סיוויל ליבערטיס יוניאָן, און פראָפעסאָר וויליאם ל. נאָנן, פון קאָלאָמביא אוניווערסיטעט, וועלכער איז אַן עקזעקוטיוו מעמבער פון דער סיוויל ליבערטיס יוניאָן צו סופערווייזען די עלעקשאָנס אין אלע לאָקאַלען.

ראָדזשער באָלדווין האָט צוגעשיקט פאָלגענדען בריעף, אין וועלכער ער נעהמט אָן די איינלאדונג אויפצופאַסען אויף די עלעקשאָנס:

פריינד: —

„איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג פון אייערע באַאמטע צו דינען אויף דער קאָמיטע און נעהמען אויפזיכט אויף די קומענדע עלעקשאָנס, ווייל איך פיהל זיך פארפליכטעט צוליב די עהנליכע דינסטען וואָס איך האָב אייך געלייסטעט אין דער פארגאַנגענהייט. איך שעץ אָפּ דעם צוטרויען וואָס אזוי פיל פון אייך האָבען אויסגעדריקט צו מיין פעהיגקייט אויפצופאַסען אַז יעדער קאַנדידאַט פאר אַן אַמט זאָל קריגען אַ יושר'דיגע באַהאַנדלונג.

אויב ווער פון אייך האָט וועלכע עס איז קלאַגע צו מאכען נאָך פאר די עלעקשאָנס, זאָל אַזוי גוט זיין און מיר מעלדען שריפטליך אין 100 פינפטע עוו. אָדער אָפּרופען אויפ'ן טעלעפאָן: דריידאָק 0340. איך וועל טאָן דאָס בעסטע וואָס איך קען צו זעהן אַז קיין מעמבער זאָל ניט האָבען די מינדסטע אורזאַכע צו באַקלאָגען זיך אויף דער יושרדיגקייט פון דער קאָמיטעס באַשלוסען.

אויפריכטיג אייערע,

ראָדזשער נ. באָלדווין."

די רולס, וואָס די דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד האָט אָנגענומען אויף דורכצופיהרען די 1931 עלעקשאָנס אין די לאָקאַלען

1) די וואהלען אין די לאָקאַל יוניאָנס זאָלען דורכגעפירט ווערען אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון אַ קאָמיטע וואָס ווערט באַשטימט פון דער דזשענעראַל באָארד. די דאָזיגע קאָמיטע דאַרף דורכפיהרען די עלעקשאָנס אין איינקלאַנג מיט די רולס, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרען פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו. צוויי מיטגלידער פון דער קאָמיטע זיינען פערזאָנען, וועלכע זיינען ניט פארבונדען מיט דער יוניאָן, כדי צו העלפען פארזיכערען אַן אומפּאַרטייאישען אויפזיכט. די דאָזיגע צוויי פערזאָנען זיינען ראָדזשער נ. באָלדווין, דירעקטאָר פון דער סיוויל ליבערטיס יוניאָן און פראָפעסאָר וויליאם י. נאָגן, מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו פון דערזעלבער אָרגאַניזאַציע.

2) די קאָמיטע פון דער גענעראַל־עקזעקוטיוו באָארד איז באַפולמעכטיגט צו באַשטימען אַזוי פיל „וואָטשערס" ווי זיי וועלען געפינען פאר נויטיג, פאר דער עלעקשאָן, מיט דער צושטימונג פון ראָדזשער באָלרווין און פראָפעסאָר נאָגן. די וואָטשערס דארפען זיין אומפּאַרטייאיש צו אלע מעמבערס וואָס זיינען פאראינטערעסירט אין דער עלעקשאָן. קיינער פון די וואָטשערס וועט ניט זיין קיין מעמבער פון אונזער יוניאָן אָדער פארבונדען מיט איהר.

3) די שטים־פּלעצער וועלען זיך עפענען 9 אזייגער אין דער פריה און וועלען זיך שליסען 8 אזייגער אָוועגט.

4) יעדער מיטגליד וואָס איז שולדיג ניט מעהר ווי 39 וואָכען דיוס, וועט זיין בארעכטיגט צו שטימען אין די עלעקשאָנס.

5) יעדער וואָוטער, נאָכדעם ווי ער גיט איבער זיין יוניאָן בוך, דאַרף דערקענט ווערען לויט דעם רעדזשיסטריישאָן בוך איידער ער קריגט אַ באַלאָט. דער יוניאָן־בוך פון דעם וואָס שטימט דאַרף געשטעמפּעלט ווערען פון דער עלעקשאָן באָארד.

6) יעדער איינער וואָס וועט האָבען אַ קלאַגע צו מאַכען אין שטים־פּלאַץ, זאָל זיך ווענדען צום פאַרטרעטער פון דער קאָמיטע אין דעם פּלאַץ וועלכער וועט טראָגען אַ בעדזש מען זאָל איהם דערקענען. אויב דער קלאַגער איז אומצופרידען, קען ער איבערגעבען די אָנגעלעגענהייט צו דער קאָמיטע. אַ מיטגליד פון דער קאָמיטע וועט זיך געפינען נאָהענט פון שטים־פּלאַץ דעם גאַנצען טאָג, מיט'ן צוועק אויסצוגלייכען אַזוינע סכסוכים. דער באַשלוס פון דער קאָמיטע איז ענדגילטיג.

7) אויב אַ וואָוטער וועט קאַליע מאַכען דעם אָריגינעלען שטים־צעטעל, קען ער פאָדערען אַ נייעם באַלאָט פון טשערמאַן פון דער באָארד. (דער געספּאָילטער באַלאָט דאַרף אָוועקגעלייגט ווערען צוזאַמען מיט אַנדערע אַזוינע באַלאָטס, פון וועלכע עס וועט געהאַלטען ווערען אַן אַקאַונט).

8) קיין „עלעקשאָנירינג" וועט ניט ערלויבט ווערען אין אָדער אַרום די שטים־פּלעצער, קיין הענדבילס אָדער ליפלעטס קענען ניט געטיילט ווערען און קיין פערזענליכע אַגיטאַציע געמאַכט ווערען. קאַנדידאַטען מעגען קומען אין די שטים־פּלעצער בלויז אָפּצוגעבען זייער שטימע און זיי מוזען אַוועקבלייבען פון די שטים־פּלעצער און פון די געביידען אין וועלכע די שטים־פּלעצער געפינען זיך דעם גאַנצען טאָג.

9) די עלעקשאָן באָארד פון יעדען לאָקאַל וועט געהאַלטען ווערען פאַראַנטוואָרטליך פאר די באַלאָטס און רעדזשיסטריישאָן ביכער וואָס וועלען געשיקט ווערען צו די שטים־פּלעצער.

10) איין שטונדע נאָכדעם ווי די שטים־פּלעצער וועלען געשלאָסען ווערען, וועט די עלעקשאָן באָארד, צוזאַמען מיט די פאַרטרעטער פון דער קאָמיטע נעמען די באַלאָטס אין די באַשטימטע פּלעצער. זיי וועלען געציילט ווערען פון דער עלעקשאָן און אַבדזשעקשאָן קאָמיטע אונטער די אָנווייזונגען פון דער קאָמיטע באַשטימט פון דער דזש. עקז. אַלע קאַנדידאַטען, וועמעס נעמען געפינען זיך אויפ'ן באַלאָט, קענען זיין אָנוועזענד נאָכצוקוקען ווי מען צעהלט די שטימען. אַלע קלאַגען וועגען אומרעגעלמעסיגקייטען ביים צעהלען זאָלען גלייך געמאַכט ווערען צו די מיטגלידער פון דער קאָמיטע, וועלכע וועלען זיך געפינען נאָהענט פון דעם פּלאַץ.

די צאָהל אָפּגעשטימטע באַלאָטס מוזען געצעהלט ווערען און פארגליכען ווערען מיט די „סטאָבס" און רעדזשיסטריישאָן ביכער.

12) צוויי „טאַלי־שיטס" דארפען גענוצט ווערען ביים צעהלען און דארפען פון צייט צו צייט געטשעקט ווערען און פארגליכען ווערען איינער מיט'ן צווייטען.

13) אויב דער וואָוטער שטימט פאר מעהר ווי איין קאַנדידאַט פאר וועלכען עס איז אַמט, דאַרף דער באַלאָט גערעכענט ווערען אלס ניט גילטיג בלויז פאר דעם באַשטימטען אַמט.

14) אויב אַ וואָוטער שטימט פאר אַ געוויסען קאַנדידאַט און מעקט דאָן אָפּ דעם צייכען און מאַכט אַ קרייץ אין קעסטעל לעבען נאָמען פון דעם קאַנדידאַט פאר וועמען ער האָט געדענקט צו שטימען, זאָל דער באַלאָט אָנערקענט ווערען אלס גילטיג.

15) אַלע פּראָטעסטירטע באַלאָטס דאַרפען אָוועקגעלייגט ווערען אָן אַ זייט און ניט געצעהלט ווערען. די קאָמיטע וואָס איז באַשטימט געוואָרען פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו אויפצופאַסען אויף די עלעקשאָנס, זאָל נאָכדעם באַשליסען וועגען דער גילטיגקייט פון די באַלאָטס.

שיקאַגאָער קלאָוק־באָסעס ברעכען אָפּ מיט דער יוניאָן — פאָדערן שטיק אַרבייט

(שלוס פון זייט 1)

און האָט איבערגעגעבען די פראַגע צו די פאַרטרעטער צו דיסקוטירען.

צווישען די, וועלכע האָבען דיסקוטירט די לאַגע, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען דורך דער שטעלונג פון די באַלעבאַטים, זיינען געווען: מ. פייטעלסאָן, פרעזידענט פון לאָקאַל 5; ס. לעדערמאַן, וויס־פרעזידענט פון דער דזשאָינט באָארד; מ. בארקין, רעקאָרדינג סעקרעטאַר פון דער דזשאָינט באָארד; מ. טרובאַקאָף, טשערמאַן פון פינישערס לאָקאַל 59; סאַל פלעך, א. בארענשטיין, בעני פּלאָצקי, מאָריס גאָלדשטיין, סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דער דזשאָינט באָארד און אַנדערע.

די אַלע רעדנער האָבען אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז די יוניאָן זוכט ניט קיין סטרייק, אָבער אין פאַל די באַלעבאַטים וועלען אַרויפצווינגען אויף די אַרבייטער אַ סטרייק, זאָל מען זיך צוגרייטען און קעמפען.

נאָכדעם ווי די פראַגע איז וואָרים דיסקוטירט געוואָרען, האָט ביאַליס פאָרגעשלאָגען די פאָלגענדע רעקאָמענדאַציע: מען זאָל האָבען אַ מיטינג פון אַלע שאַפּטשערמען און באַקענען זיי מיט דער סיטואַציע. נאָכהער זאָל גערופען ווערען אַ מיטינג פון אַלע מיטגלידער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן פאָרצולעגען פאַר זיי די שטעלונג און פאָדערונג פון די מאַנופעקטשורערס איינצופיהרען שטיק־אַרביים, נאָכהער זאָל געהאַלטען ווערען אַ רעפערענדום און די מיטגלידער זאָלען דורך זייערע שטימען ענטשיידען אויב זיי זיינען פאַר אָדער געגען שטיק־אַרביים.

עס איז אויך באַשלאָסען געוואָרען צו שרייבען צו פרעזידענט שלעזינגער און צום סעקרעטאַר־טרעזשורער דובינסקי, אַז איינער פון זיי זאָל קומען אין שיקאַגאָ און נעמען אַן אַנטייל און העלפען אין דער אַרבייט צו ברענגען אַ פרידליכען סעטעלמענט, אויב מעגליך.

די שיקאַגאָער קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט זיך געווענדעט מיט אַ טעלעגראַם צו סעקרעטאַר דובינסקי וועגען דער פראַגע. וועלכע דובינסקי האָט איבערגעשיקט צו פרעזידענט שלעזינגער אין די מאָונטיינס, וואו ער האָט זיך דאַן געפונען איבער זיין שוואַכען געזונט. פרעזידענט שלעזינגער'ס ענטפער איז געווען פונקט אַזוי קלאָהר און שאַרף געגען ערלויבען צוריקברענגען שטיק־אַרבייט אין קלאָוק־טרייד, ווי עס איז געווען זיין ענטפער צו די שיקאַגאָער באָסעס ביי דער קאָנפערענץ.

פרעזידענט שלעזינגער האָט אָנגעוויזען, אַז עס איז ניט ריכטיג איבערצוגעבען די שיקאַגאָער קלאָוקמאַכער צום שטימען אין אַ רעפערענדום די פראַגע, ווי די לאָקאַלע פיהרער האָבען עס אויסגעאַרבייט: „אָננעהמען שטיק־אַרבייט אָדער אַרויסגעהן אין סטרייק". די יוניאָן דאַרף זיך אַנטזאָגען צו שליסען אַן אַגרימענט מיט די באָסעס אויפ'ן באַזיס פון שטיק־אַרבייט.

ווען סעקרעטאַר דובינסקי האָט אין אַ טעלעגראַם קלאָהר געמאַכט פאַר די פיהרער פון דער שיקאַגאָער יוניאָן די שטעלונג פון דער אינטערנעשאָנאַל, האָבען יענע פאַרלאַנגט, אַז פּרעזידענט שלעזינגער אָדער סעקרעטאַר דובינסקי זאָלען קומען קיין שיקאַגאָ. אויף דעם האָט דובינסקי געענטפערט מיט פאָלגענדער טעלעגראַמע:

„מאָריס ביאַליס, וויס־פרעזידענט א. ל. ג. וו. יו., שיקאַגאָ.

„האָב ערהאַלטען פאָלגענדע טעלעגראַמע פון פרעזידענט שלעזינגער: „עס איז ניט ריכטיג צו מאַכען די שיקאַגאָער קלאָוקמאַכער שטימען, ענטוועדער צו סטרייקען, אָדער האָבען שטיק־אַרביים. די שיקאַגאָער יוניאָן דאַרף זיך אַנטזאָגען אונטערצושרייבען אַן אַגרימענט מיט די מאַנופעקטשורערס אויף שטיק־אַרביים".

„פרעזידענט שלעזינגער אָדער איך, וועלען קומען נאָך שיקאַגאָ, טראָץ דער וויכטיגקייט פון דעם לידיס טיילאָר סטרייק אין ניו יאָרק, אויב די פראַגע פון שטיק־אַרבייט דורך אַ רעפערענדום אָדער אויף וועלכען עס איז אַנדער אופן וועט אַרונטערגענומען ווערען.

ד. דובינסקי."

וואָס דער אַרבייטער רינג טוט פאר זיינע מיטגלידער:

אינשורענס און בענעפיטס:
פאָליסיס פון 100 ביז $3000.

קראַנקען בענעפיט:
8, 10, 15 אָדער 20 דאָלאַר אַ וואָך (אַ גרויסע צאָל ברענטשעס צאָלען נאָך עקסטרא לאָקאַלען קראַנקען בענעפיט).

סאַניטאַריום און קאָנסאַמפּשאָן בענעפיט:
9 מאָנאַטען סאַנאַטאַריום באהאַנדלונג אָדער 600 דאָלאַר קאָנסאַמפּשאָן בענעפיט פאַר די וועלכע קענען אין סאַנאַטאַריום ניט אַריינגענומען ווערען.

קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט:
א. ר. שולען פאַר קינדער, אַ מאָנאַטליכער זשורנאַל, דער „פריינד" ביכער פאַרלאַג, לעקטשורס און אונטערהאַלטונגען.

קינדער קעמפּס:
אין די גרעסטע שטעדט און סענטערס זיינען די קעמפּס פאַר די קינדער פון מיטגלידער.

מוזיקאַלישע און דראַמאַטישע פאַראיינען:

ווערט אַ מעמבער אין אַרבייטער רינג

אַ האָום פאר אַלטע מעמבערס:
אַ פאַנד ווערט געקליבען אויף צו בויען אַ האָום פאַר אַלטע מעמבערס

מעדיקאַל דעפּאַרטמענט:
אין אַלע גרויסע צענטערן איבערן לאַנד, וואו די מיטגלידער קריגען מעדיציניש באהאַנדלונג פון די גרעסטע דאָקטוירים.

סעמעטערי דעפּאַרטמענט:
סעמעטערי און פיונעראַל בענעפיט פאַר די מעמבערס און זייערע פאַמיליען.

יוגענט קלובען:
דער יונגער דור, קינדער פון אַ. ר. מיטגלידער, ווערען יעצט אָרגאַניזירט אין זעלבסטשטענדיגע אַ. ר. יוגענד ברענטשעס.

פרויען קלובען:
וואָס באַשטייען פון פרויען פון אַ. ר. מיטגלידער, ווערען אָרגאַניזירט אין זעלבסטשטענדיגע פרויען ברענטשעס.

לייבאָר ליסעאומס:
אויפגעהאַלטען פון אונזערע ברענטשעס און זיי זיינען די צענטערן פון קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט.

אַרבייטער רינג

דזשענעראַל אָפיס: 175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק
טעלעפאָן אָרטשאַרד 6000.

אין דער טרייד יוניאן באוועגונג

פון ה. סיימאן.

די פראבלעם פון ארבייטסלאזיגקייט און דער פארזוך פון די יוניאנס צו העלפען זייערע מיטגלידער. — באלדיגע הילף און גרינדליכע מיטלען געגען דעם איבעל. — די קורצזיכטיגקייט פון יוניאן־לייט וועלכע אנטזאגען זיך צו טיילען מיט דער ארבייט, אדער, ביישטייערען געלט צו אן ארבייטסלאזען פאנד.

ארבייטסלאזיגקייט איז איצטער די וועהטאגדיגסטע פראבלעם ביי די אמעריקאנער ארבייטער. נאטירליך, פארנעהמט די דאזיגע פראגע אויך דעם אויבען־אן אין די יוניאנס.

לויט דעם מאנאטליכען באריכט פון דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר, איז אין אקטאבער נאך אלץ געווען 21 פראצענט ארבייטסלאזע צווישען די מעמבערס פון די יוניאנס. אין געוועהנליכע צייטען איז אין אקטאבער די צאל ארבייטסלאזע קלענער ווי אין וועלכען עס איז אנדער מאנאט פון יאהר, ווייל אין דער צייט איז ביזי אין די סעזאן־טריידס. ווען היינטיגעס יאהר איז די ארבייטסלאזיגקייט אזוי גרויס אין אקטאבער, מוז מען ערווארטען, אז אין די נעקסטע פיער מאנאטען זאל עס זיך פארדרייפאכען. דאס מיינט, אז היינטיגען ווינטער וועלען מעהר ווי העלפט פון אלע ארגאניזירטע ארבייטער אין אמעריקע אומגעהן לעדיג און ניט האבען פון וואס צו לעבען.

* * *

זיינען אלע יוניאנס פארנומען מיט זוכען פלענער ווי אזוי צו העלפען וויפיל וועניג זייערע ארבייטסלאזע מיטגלידער. פאר די יוניאנס איז עס ניט בלויז די פליכט צו העלפען די ברידער, וועלכע געפינען זיך אין נויט, וואס דאס אליין איז דער וויכטיגסטער פונדאמענט פון טרייד־יוניאניזם, נאר עס איז אויך איינפאך א פראגע פון דערהאלטען די ארגאניזאציעס ביים לעבען און באשיצען די ארבייטס־באדינגונגען, וועלכע זיינען אויסגעקעמפט געווארען דורך יארען פון ליידען און קרבנות. ארבייטער, וואס זיינען אויסער ארבייט א לאנגע צייט, ווערען אוים מעמבערס; ארבייטער, וועלכע הונגערען מיט זייערע פאמיליעס, זיינען ניט צו אפגעהיט וועגען ארבייטס־שטונדען און וויידזשעס; זיי זיינען גרייט צו ארבייטען פאר אבי וועלכען פרייז צו פארדינען אויף ברויט. די באסעס קוקען בלויז ארום אויף אזא געלעגענהייט. זיי באנוצען זיך מיט דער נויט פון די מאסען אוועקצונעמען פון די ארבייטער זייערע געווינסען און צו פארערגערען זייער לעבענס־סטאנדארד. דער אינסטינקט פון זעלבסט־ערהאלטונג וועלכער איז אזוי שטארק אנטוויקעלט ביי יעדער לעבעדיגער באשעפעניש און אין יעדער ארגאניזירטער קערפערשאפט, צווינגט אלזא די יוניאנס צו זוכען מיטלען ווי אזוי צו העלפען זייערע ארבייטסלאזע מעמבערס.

* * *

ווען עס קומט צו באלדיגע הילף פאר די ארבייטסלאזע, האבען די יוניאנס בלויז צוויי מיטלען: ענטוועדער צו טיילען די ביסעל ארבייט וואס איז דא צווישען אזוי פיל מיטגלידער ווי מעגליך, כדי יעדער זאל האבען כאטש אביסעל ארבייט און ניט זיין געצוואונגען צו הונגערען אדער סקעבען, אדער צו טעקסען די מיטגלידער וועלכע ארבייטען און מיט דעם געלט שטיצען די, וועלכע זיינען אויסער ארבייט.

אוודאי וואלט עס געווען בעסער און יושר'יגער, אז די ארבייטסגעבער, וועלכע האבען געמאכט געשוואלענע פראפיטען פון דער אינדוסטריע אין דער צייט פון פראספעריטי, זאלען אויפהאלטען די ארבייטער אין צייטען פון א קריזיס; אוודאי, וואלט עס געווען ניט מעהר ווי רעכט, אז די רעגירונג, וועלכע זארגט זיך כלומר'שט פאר אלע בירגער, זאל צאהלען ארבייטסלאזען בענעפיט צו די, וואס האבען געהאט דעם אומגליק צו פארזוכען דעם טעם פון „הואווער'ס פראספעריטי", — יענע וועלען עס אבער ניט טאן מיט גוטען ווילען. מען מוז עס ביי זיי ארויסרייסען דורך קאמף. דאס נעמט צייט. און די הונגעריגע ארבייטסלאזע קענען ניט ווארטען. זיי נויטיגען זיך אין הילף שוין אויפ'ן פלאץ. מוזען עס די יוניאנס אליין טאן און דאס קענען זיי בלויז דורך איינעם פון די אויבען־אנגעוויזענע צוויי מיטלען.

* * *

האבען אבער די דאזיגע מיטלען אייך גרויסען „חסרון", כדי זיי דורכצופיהרען אין לעבען, מוזען די מעהר גליקליכע ארבייטער, וועלכע האבען דזשאבס, זיך טיילען מיט זייערע ווייניגער גליקליכע ברידער מיט דער ארבייט אדער מיט די פארדינסטען, און ליידער זיינען יענע ניט אלע מאל צופרידען צו טאן עס. דער ארבייטער, אפילו דער מעהר באוואוסטזיניגער, דער ארגאניזירטער ארבייטער און יוניאן־מאן, האט נאך ליידער ניט דערגרייכט די שטופע צו באטראכטען דעם יוניאן־ברודער ווי אן אמת'ען לייבליכען ברודער, מיט וועמען מען מוז זיך טיילען מיט'ן ביסען. דער דורכשניטליכער ארבייטער איז נאך ליידער אויך צו קורצזיכטיג צו קענען זעהן דעם שאדען, וואס א גרויסע צאהל הונגעריגע, דעמאראליזירטע ארבייטסלאזע מענשען אין זיין טרייד קען איהם פערזענליך ברענגען. און ער וויל ניט געבען.

איז טאקע צרות. די ארבייטסלאזע קריגען דערוויילע בלויז די גוטע פארשפרעכענס און טריסט־ווערטער פון פאליטישענס, און אין עקסטרעמע פאלען — שענדליכע ברעקלאך פון צדקה־טיש, וועלכעס העלפט זעהר ווייניג און ערנידעריגט די אומגליקליכע.

* * *

אזוינע פאלען, וואו יוניאן־ברידער האבען דורכגעווארפען די פארשלאגען פון זייערע פיהרער צו טיילען זיך מיט דער ארבייט אדער שטיצען מיט געלט די ארבייטסלאזע, זיינען פארגעקומען היבשע עטליכע אין די לעצטע פאר וואכען. די ניו יארקער פעינטערס יוניאנס וועלכע זיינען אנגעשלאסען אן דיסטריקט קאונסיל, האבען אין א רעפערענדום אפשטימונג צוריקגעוויזען דעם פארשלאג צו טיילען זיך מיט דער ארבייט, מיט א ריזיגער מאיאריטעט פון 16 צו איינס. דער פלאן, וואס דער דיסטריקט קאונסיל האט ארויסגעשיקט צו אן אפשטימונג פון די מיטגלידער, איז באשטאנען אין דעם, אז דורך די ווינטער־מאנאטען זאל קיין יוניאן־מאן ניט טארען ארבייטען מער ווי 20 שטונדען א וואך. דאס וואלט געמיינט, אז די ביסעל ארבייט, וואס עס וועט זיין, וואלט געטיילט ווערען צווישען צוויי מאל אזוי פיל מענשען, אנשטאט דעם וואס א העלפט זאלען ארבייטען פילע וואכען און די אנדערע זאלען אומגעהן איננאנצען לעדיג.

צוריקגעוויזען האבען עס 6 פון די 9 לאקאלען, וואס זיינען אנגעשלאסען אן קאונסיל. די אנדערע 3 לאקאלען האבען געגעבען א קליינע מערהייט פאר דעם פלאן. די שאנדע איז נאך גרעסער, וואס צווישען די לאקאלען, וואס האבען עס צוריקגעוויזען, זיינען אויך די אזוי־גערופענע פראגרעסיווע אידישע לאקאלען, וועלכע טרעטען אימער אויף אלס גוואלדיגע רעוואלוציאנערען. דאס הייסט „רעוואלוציאנערען ביז'ן קעשענע".

* * *

פונקט אזוי ווי די פעינטערס, האבען אויך געהאנדעלט די פאטא־ענגרייווערס. אין אט דער יוניאן איז גענומען געווארען א רעפערענדום אפשטימונג וועגען איינפיהרען אן ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד אין זייער אינטערנעשאנאל. די מעמבערס האבען עס צוריקגעוויזען מיט א ריזיגער מאיאריטעט.

* * *

ווען קיין אלגעמיינע ארבייטסלאזע אינשורענס קען מען ניט דורכפיהרען, זיינען איינציגע לאקאלע יוניאנס געצוואונגען צו טאן וואס זיי קענען אין זייער אייגענעם ענגען קרייז מיט אייגענע באגרעניצטע מיטלען.

אזוי האט דער ניו יארקער קארפענטערס לאקאל 2090 איינגעפיהרט א מין סארט אנעמפלאימענט רעליף פאנד. זיי האבען פאר דעם צוועק באשטימט 5 טויזענט דאלאר פון דער יוניאן־קאסע מיט דער צושטימונג פון דער גענעראל עקזעקוטיווע. דאס איז חוץ די עטליכע טויזענט דאלאר, וואס זיי האבען געהאט אין זייער דזשענעראל רעליף פאנד.

* * *

די שטיין־מויערערס יוניאן פון ניו יארק לאקאל 78 האט היינטיגע וואך אונטערגעשריבען אן אפמאך מיט די בעלי־בתים, לויט וועלכען די ארבייט דארף געטיילט ווערען גלייך צווישען אלע מעמבערס פון דער יוניאן דורך איצטיגער שלעכטער צייט. לויט דעם פלאן וועט קיין באס ניט האבען זיינע באשטימטע ארבייטער, וועלכע ארבייטען ביי איהם. בעל־מלאכות וועלען געשיקט ווערען פון דער יוניאן צו דער ארבייט לויט זייער נעקסט.

די ארבייטסלאזיגקייט אין דעם פאך איז לעצטענס געווען זעהר גרויס. בלויז א דריטעל פון די מיטגלידער האבען געהאט דזשאבס. צוויי דריטעל זיינען געווען ארבייטסלאז. איצטער וועט יעדער מעמבער האבען די געלעגענהייט צו ארבייטען א פאר טעג אין וואך.

* * *

די דרוק־ארבייטער פון שיקאגא, פרינטינג פרעסמענס לאקאל 3, האט באשלאסען צו צאהלען זייערע ארבייטסלאזע מיטגלידער 15 דאלאר א וואך פאר א באשטימטע צאהל וואכען. די, וועלכע האבען דזשאבס, זיינען געטעקסט געווארען פאר דעם צוועק מיט צוויי דאלאר א וואך יעדער.

* * *

די אלע פלענער און מיטלען זיינען, נאטירליך, ניט קיין לעזונג פאר דער פראבלעם פון ארבייטסלאזיגקייט. דאס זיינען בלויז צייטווייליגע נויט־מיטלען. צום לעזען די פראבלעם פון ארבייטסלאזיגקייט וועלען מוזען אנגעווענדעט ווערען גאנץ אנדערע מיטלען. אין דער היינטיגער סיסטעם פון פראדוקציע, ווען סחורה ווערט געשאפען ניט פאר'ן פארברויך נאר פאר פראפיט; ווען דער ארבייטער קען בלויז קויפען און פארברויכען א קליינעם טייל פון דעם וואס ער שאפט, מוז ארבייטסלאזיגקייט זיין א באשטענדיגע ערשיינונג. מיט דער אנטוויקלונג פון נייע ארבייטס־שפארענדע מאשינען און מעטאדען, ווערט אלץ מעהר סחורה געשאפען מיט אלץ ווייניגער ארבייטס־הענט. דאס מיינט, אז אלץ מעהר און מעהר ארבייטער ווערען ארויסגעווארפען פון די פאבריקען און זייערע פלעצער פארנעמען מאשינען. איננאנצען אפצושאפען די ארבייטסלאזיגקייט אונטער דער קאפיטאליסטישער סיסטעם איז אלזא אוממעגליך. שטארק פארקלענערען די ארבייטסלאזיגקייט קען מען בלויז דורך פארקלענערען די ארבייטס־צייט פראפארציאנעל אויף אזוי פיל ווי די נייע מאשינען פארגרעסערען די פראדוקציע פון דעם ארבייטער, און צו דער זעלבער צייט העכערען די שכירות, אז די ארבייטער זאלען האבען מיט וואס מעהר צו קויפען און פארברויכען.

די יוניאנס און אפילו ווייטזיכטיגערע קאפיטאליסטען האבען שוין איינגעזעהן דעם דאזיגען אמת. אין אלע יוניאנס, אין אלע זייערע צייטשריפטען ווערט אנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט ראדיקאל צו פארקירצען די ארבייטס־צייט. די אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר קאנווענשאן האט נאך לעצטען יאהר אנגענומען רעזאלוציעס פאר א 5־טאגיגער ארבייטס־וואך. ביי דער היי־יאהריגער קאנווענשאן אין באסטאן איז אריינגעבראכט געווארען א גאנצע רייהע רעזאלוציעס וועגען פארקירצען די ארבייטסצייט. די ראדיקאלסטע פון זיי איז געווען די רעזאלוציע, וואס איז אריינגעבראכט געווארען פון דעם מעטאל טרייד דעפארטמענט און וועלכע האט געפאדערט איינצופיהרען א 5־שטונדיגען ארבייטס־טאג.

אין די אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר יוניאנס זיינען אבער די דאזיגע פלענער דערווייל „פרומע וואונשען". די קאנווענשאן פון דער פעדערייישאן האט דערווייל די אלע רעזאלוציעס איבערגעגעבען צום עקזעקוטיוו קאונסיל צום שטודירען און אריינברייינגען א באריכט נעקסטען יאהר.

די רעילראוד בראדערהודס, וועלכע באלאנגען ניט צו דער פעדערייישאן, זיינען פארלויפיג די איינציגע, וועלכע האבען זיך גענומען ערנסט ארבייטען פאר דער פארווירקליכונג פון זייער פלאן צו פארקירצען די ארבייטס־צייט פון זייערע מיטגלידער צו 6 שטונדען א טאג.

לעצטע וואך זיינען זיך אין שיקאגא צוזאמענגעקומען 700 דזשענעראל־טשערמאן פון 5 אייזענבאהן־ארבייטער־יוניאנס צו א קאנפערענץ וועגען הילף פאר די 50 טויזענט ארבייטסלאזע מיטגלידער פון זייערע יוניאנס. דארט זיינען געווען פארטרעטער פון די לאקאמאטיוו אינזשינירען, פייער־לייט, קאנדוקטארען, טרעינמען און סוויטשמען. די 5 יוניאנס האבען 376 טויזענט מיטגלידער. און כאטש די 5 בראדערהודס זיינען צווישען זיך ניט פארבונדען ארגאניזאציאנעל, האבען זיי דאך באשלאסען אנצופיהרען דעם קאמפיין פאר א 6־שטונדיגען ארבייטס־טאג געמיינשאפטליך. זיי האבען שוין אויסגעקליבען א קאמיטע פון 25, צו 5 פארשטעהער פון יעדער יוניאן, וועלכע זאלען אויסארבייטען די פראקטישע פלענער און זיך נעהמען צו דער ארבייט.

מ. פיינסטאן סעקרעטאר פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען געעהרט ביי א באנקעט

לעצטען שבת אווענט איז ברודער מ. פיינסטאן, סעקרעטער פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, געערט געווארען ביי א שעהנעם באנקעט לכבוד זיין צוריקקומען פון פאלעסטינע, וואו ער איז געווען אויף דער איינלאדונג פון דער דארטיגער אידישער טריידיוניאן פעדעראציע „הסתדרות" און ביים קאנגרעס אין בערלין.

א גרויסע צאהל פראמינענטע פארשטייער פון דער ארבייטער און סאציאליסטישער באוועגונג זיינען געווען אנוועזענד אויפ'ן באנקעט און באגריסט פיינסטאנען פאר זיין וויכטיגער טעטיגקייט פאר דער ארבייטער באוועגונג. צווישען די באגריסער איז געווען פרעזידענט גרין, פון דער א. פ. אוו ל., אב. קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס", און אנדערע פראמינענטע פערזאנען. פילע יוניאנס און ארגאניזאציעס זיינען דארט געווען פארטראטען.

היינט פארץ שלאף

נעהמט

עקס־לאקס

(אין ענגליש EX-LAX)

און אין דער פריה וועט איהר פיהלען ווי ניי־געבארען

איז אלע דראג סטארס

ווען, אָה, ווען, מענש, וועסטו זיך שוין אויסמענשלען?

פון ד. ב.

דר. פראַנק פּ. גרייווס, דער קאָמי־שאָנער פון בילדונג אין ניו יאָרק, האָט אין אַ רעדע פאַר דער לעהרער אַסאָסי־איישאָן פון ניו דזשוירזי, פאַרזאַמעלט אויף אַ קאָנווענשאָן אין אַטלאַנטיק סי־טי, געגעבען אויסדרוק צו פאָלגענדע באַ־הויפּטונגען:

„ווי עס זעהט אויס, איז אין די לעצ־טע פינף און צוואַנציג טויזענט יאָר ניט פאָרגעקומען קיין באַדייטענדע ענדערונג, ניט קערפּערליך און ניט גייסטיג, אין דער מענשליכער ראַסע. אַ צענזוס פון די כאַ־ראַקטעריסטיקס פון דעם דורכשניטליכען מענשען אין דער איצטיגער צייט מאַכט אונז זעהר שטאַרק צווייפלען אין דעם פאָרטשריט פון דער נאַטירליכער גע'יאָר־שענטער אינטעליגענץ פון אירגענד וועל־כער באַדייטונג. אין אונזער מאָדערנער צייט איז ניטאָ קיין פאָלק, וועמען מען זאָל קענען פאַרגלייכען, שוין ניט ריידענ־דיג פון איבערשטייגען, מיט די אַטהעניש־ע גריכען, וועלכע האָבען דערגרייכט אַזאַ הויכע גייסטיגע מדרגה, און האָבען אַרויס־געבראַכט אַזעלכע גייסטיגע ריזען".

איז ווען איך האָב עס איבערגע־לייענט אין דער צייטונג, האָב איך פאַר אַ ווײַלע געצווייפעלט אין די באַהויפּ־טונגען פון אונזער קאָמישאָנער פון ביל־דונג אין ניו יאָרק. וואָרים, אַז מען זאָל אָננעמען פאַר אַן אמת אָט דאָס, וואָס אונזער דאָקטאָר באַהויפּטעט, מוז מען דאָך אינגאַנצען פאַרצווייפלען אין דעם פאָרטשריט פון מענשען צו אַלץ העכע־רעס, שעהנערעס און אייִדעלערעס. און וואָס נוצט דאָס גאַנצע שטרעבען צו שעהנערס און בעסערס, אַז, דערמאָנט זיך, אין דעם לויף פון גאַנצע 25 טוי־זענט יאָר איז ניט פאָרגעקומען קיין פאָרטשריט אין דער מענשליכער ראַסע, ניט קערפּערליך און ניט גייסטיג? און, איך ווייס ניט צי דער דאָקטאָר האָט עס געפיהלט אָדער ניט, צו וואָס דאַן אונ־זער גאַנצע אָנשטרענגונג פאַר מער און מער בילדונג, פון וועלכער דער דאָקטאָר אַליין איז עס איינער פון די פאָר־שטייער, אַז דאָס העלפט דאָך גאָרניט?

דער לאָגישער שלוס פון אַזאַ אַרט דענקען וואָלט געווען צוצומאַכען אַלע אונזערע סקולס, קאַלעדזשעס, אוניווער־סיטעטען, און לאָזען עס געהן ווי עס געהט, ווײַל מיט אַלע אונזערע אָנ־שטרענגונגען קענען מיר אויף דאָס מינדסטע ניט העלפען דער פאַרדאַמט־לאַנגזאַמער מענשליכער ענטוויקלונג.

אָבער, האָב איך ווייטער געטראַכט, איז דער דאָקטאָר גערעכט? קאָן מען געפינען אַ באַשטעטיגונג פאַר זיינע באַ־הויפּטונגען אין די פאַקטען פון לע־בען? זיינען מיר ווירקליך ניט אַוועק פיל ווייטער פון דעם גאַנץ רויהען מענשען פון 25 טויזענט יאָהר צוריק?

און וואָס מכח אַלע אונזערע געוואַל־טיגע ערפינדונגען, פון וועלכע דער מענש פון בלויז אַ יאָרהונדערט צוריק האָט קיין אַנונג ניט געהאַט? וואָס מכח אונזער ריזיגען רייכטום אין אַלץ, וואָס קאָן באַפרידיגען די גרעסטע און זאָגאַר די פאַנטאַסטישסטע פאַרלאַנגען פון דעם מענשען? האָט דער דאָקטאָר אָן דאָס אַלעס פאַרגעסען, ווען ער האָט עס אַזוי לייכט אָפּגעפּאַסעלט אונזער גאַנ־צען פאָרטשריט?

אַלערליי צווייפעל האָבען געמאַטערט מיין מוח, און איך האָב ווידער גענומען בלעטערען די צייטונג פון זעלבען טאָג.

און איך לייען: „פון בלויז צוויי אינדוסטריען זיינען ניין הונ־דערט טויזענט מענשען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון דער אַר־בייט", און זיי און זייערע פרויען און קינדער געהען אויס פאַר הונגער. איך לייען ווייטער אין דער צייטונג און זעה, דאָס אונזער פאָלק, נאָך אַ גאַנץ אוי־בערפלעכליכער אונטערזוכונג, האָט שוין אויסגעפונען 33 טויזענט פאַמיליען, די שפּייזער פון וועלכע זיינען שוין מאָ־נאַטען־לאַנג אָהן אַרבייט, און אין זייע־רע הייזער איז קאַלט און קיין שטיקעל ברויט ניטאָ. און אָט פאַלט מיין אויג אויף אַזאַ מין פּאַסירונג. אַ מאַן, ביי וועמען די פרוי איז געשטאָרבען, און וועלכע האָט איהם איבערגעלאָזען צוויי קליינע קינדער, איז אַריין אין דאָס הויז פון אַ שכן און גענומען דאָרט אַ לע־בעל ברויט. איז אָבער די שכנ'טע איהם געקומען אַנטקעגען, האָט איהם געכאַפּט ביי דער האַנט, זאָ צו זאָגען, האָט ביי איהם צוגענומען דעם לעבעל ברויט, וואָס וואָלט פאַר אַ ווײַלע געשטילט דעם הונגער פון זיינע יתומים, און האָט עס געמעלדעט דער פּאָליציי. דער מאַן איז דערוויל אַרונטער אין קעלער, זיך דאָרט אויפצוהאַנגען, כדי זיינע קינדער זאָלען זיך ניט דאַרפען שעמען מיט איהם.

איך מיש די צייטונג, זוך, אפשר וועל איך געפינען עטוואָס, וואָס זאָל מיר ווייזען אַז דער דאָקטאָר איז אומגע־רעכט, אַז דער מענש איז דאָך קלוגער געוואָרען, מענשליכער געוואָרען, אָבער אומזיסטע אַרבייט, וואָס מער איך לייען די נייעס פון טאָג אַלץ מעהר און מעהר זעה איך, אַז דער דאָקטאָר איז פאָרט גערעכט.

אמת, איך זעה, ווי איבעראַל האָט מען זיך גענומען צו העלפען ווי ווייט מעגליך די אַרבייטסלאָזע. מען קאָכט זיך אין וואַשינגטאָן, מען אַרבייט מעשים אין ניו יאָרק, גאַנץ אַמעריקע איז גע־וואָרען איין גרויסער „רעד קראָס". פיין, דאָך עטוואָס מענשליכעס, לאָזען ניט אויסגעהן זייערע מיטמענשען פון הונ־גער. אָבער, קומט מיר באַלד די פראַ־גע: וואָרום האָבען זיי דעם זיכער אָנ־קומענדען אומגליק פריהער ניט געזעהן? עס איז דאָך געווען מיט דער האַנט אָנצוטאַפּען, און דאָך ווי לאַנג האָט עס גענומען אונזער סאַמע קאָפּ אָנצו־ערקענען, דאָס עס איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי אַרבייטסלאָזיגקייט.

עס איז דאָך איינס פון די ביידע, האָבען דאָס אונזערע פיהרער געוואוסט, און האָבען געשוויגען צוליב אַלערליי פּאָליטישע מאָטיוון, זיינען זיי דאָך די געמיינסטע פאַרברעכער, לגבי וועלכע דער האָלדאַפּניק, דער קידנעפּער, דער גענגסטער — יאָ, דער איינפאַכער מער־דער — זיינען צדיקים. און האָבען זיי עס טאַקע ניט געזעהן, איז דאָך דער דאָקטאָר גערעכט מיט זיין באַהויפּטונג, אַז דער מענש האָט אין די לעצטע 25 טויזענט יאָר געמאַכט גאָר קנאַפּען פאָרטשריט.

באַרעכענט נאָר, וויפיל אומגליקען און אומזיסטע ליידען וואָלטען עס פאַר־היט געוואָרען, ווען אָט די אַלע פאַר־שיידענע טעטיגקייטען פון איצט, וועל־כע ווערען אויסגעפירט אין איילעניש, און, נאַטירליך, מיט גאַנץ ווייניג טאַלק, וואָלטען אָנגעפאַנגען געוואָרען מיט עט־ליכע מאָנאַטען פריהער. דער רעזול־טאַט איז איצט, דאָס מיר האָבען גאָר אָהן אַ שיעור ניאַנקעס פאַר די הונגע־ריגע און אַרבייטסלאָזע, און אַנשטאָט דעם, אַז זייער אַרבייט זאָל זיין פון גרויס נוצען, מאַכט עס דעם איינדרוק, אַזוי ווי זיי וואָלטען קאָנקורירט צווי־שען זיך, ווי דאָס איז דער פאַל צווי־שען דער מעיאָר־קאָמיטע און סמיטה־קאָמיטע. עס זעהט אויס, דאָס די מעהרסטע טוער זיינען נאָר אויסען צו אַדווערטייזען זיך.

פאַרשטעהט זיך, אַז זיכער זיין אין דעם קאָן קיינער ניט, מעגליך, דאָס די כוונות פון די טוער זיינען גאַנץ גוטע, אָבער דווקא דאָס וואָס עס זעהט פיל אַנדערש אויס, איז דאָך דער קלאָרסטער באַווייז, מיט ווי ווייניג אינטעליגענץ עס זיינען באַשענקט אפילו די, וועלכע ווערען באַטראַכט אַלס די אינטעליגענט־סטע צווישען אונז.

און איך בלעטער ווייטער אין דער צייטונג, אפשר וועל איך דאָך געפינען עפּעס אַ ליכטשטראַל. און איך נעהם זיך לייענען די רעדע פון אונזער פּרע־זידענט הואווער צו דער געלעגענהייט פון דעם אַרמיסטיס־טאָג.

איך שטעל מיר פאָר, ווי דער פּרע־זידענט, וועלכער מעג זיך געוויס ערלוי־בען צו זאָגען דעם אמת, וועט אַרויס־קומען מיט אַ דונער־רעדע, אין וועלכער ער וועט זאָגען דאָס וואָס אַלע וויסען, אַז אומזיסט זיינען געפאַלען די מיליאָ־נען יונגע מענשען, אומזיסט איז אַ גאַנ־צע וועלט חרוב געוואָרען; אַז די פריי־הייט פון דעם איינצעלנעם און פון די נאַציאָנען, פאַר וואָס די מלחמה איז כלומר'שט געפיהרט געוואָרען, ליגט נאָך איצט פיל טיפער אין דער אדמה, ווי פריער. איך ערוואַרט, דאָס ער וועט האָבען דעם מוט צו זאָגען, אַז ניט נאָר האָט די מלחמה געמאַכט אַ סוף צו מלחמות איבערהויפּט, נאָר אַז ערשט איצט סטראַשען אונז מלחמות פון אַלע זייטען, אַז ערשט איצט שטייען 30 מי־ליאָן מענשען אין די פאַרשיידענע שטאַ־טען, באַוואָפענט ביז די ציין, באַרייט ווידער זיך אַרויפצוואַרפען איינע אויף די אַנדערע, ווי ביזע רויב־חיות. אַזאַ סאָרט רעדע, שטעל איך מיר פאָר, מוז דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען האַלטען, אום טאַקע צו עהרען די ערינערונג פון די אומשולדיגע מלחמה קרבנות.

ערשט וואו? שוין דער ערשטער פּאַראַגראַף פון זיין גרויסער רעדע איז פול מיט פּשוטע ליגענס, וועלכע זיינען די העכסטע שענדונג פון די געפאַלע־נע, וועמעס ערינערונג מען מיינט עס צו עהרען.

אָט איז דער ערשטער זאַץ פון דעם פּרעזידענט'ס גרויסער אַרמיסטיס־רעדע:

„היינט מוזען אַלע אונזערע געדאַנ־קען זיין געווענדט צו די העלדישע טוי־טע, וועמעס לעבענס זיינען געגעבען גע־וואָרען אין דער פאַרטיידיגונג פון די פרייהייטען און אידעאַלען פון אונזער לאַנד. זייער ביישטייערונג צו אונזערע אידעאַלען, וועמענס ווערט קאָן גאָרניט אָפּגעשאַצט ווערען, ענערגיע און ענטו־זיאַזם, און יאָ, זייער לעבען, אויפאָפּפע־רענדיג זייער חלק פון ווייטערען גליק כדי מיר אַלע זאָלען קענען לעבען מעהר זיכער, מעהר גליקליך!"

אָנגענומען, אַז אָט די אַלע, וועלכע פוילען איצט אונטער דער ערד, האָבען ווירקליך געגלויבט, דאָס זיי קעמפען פאַר די אידעאַלען פון פרייהייט און מענשליכען גליק, וואָס דאָס איז ביז צו אַ גרויסען גראַד אויך אַ ליגען, ווײַל נאָר פילע זיינען ממש מיט געוואַלט געשלעפּט געוואָרען צו דער שחיטה, שטעלט זיך אָבער די פראַגע, וואָס האָט זייער טויט געבראַכט? זיינען מיר ווירקליך גליקליכער און פרייער? ווער וועט האָבען די חוצפּה צו ענטפערען אויף דעם מיט יאָ? איז דאָ אירגענד אַ מענש אין דער וועלט, וועלכער איז ניט גענצליך בלינד, וועלכער זאָל קענען באַהויפּטען, אַז אַמעריקאַ און מיט איר צוזאַמען די גאַנצע איבעריגע וועלט האָט אין די פּרטים פון פרייהייט און וואויל־שטאַנד ניט געמאַכט גאָר אַ גרויסען ריקשריט?

וואָס מכוח די פולע פּריזאָנס איבער דער גאַנצער וועלט, וועלכע זיינען אָנגע־פּראַפּט מיט פרייהייטס־קעמפער, און וואָס מכח דעם וואוילשטאַנד פון די מי־ליאָנען הונגעריגע, אין מיטען פון אַל־דאָס גוטס?

וועגען דעם אַלעם מאַכט זיך אונ־זער הואווער ניט וויסענדיג. ער דער־ציילט אונז אַ מעשה פון די פילע טרי־טיס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען, וואָס זיינען ניט ווערט דאָס שטיקעל פּאַפּיר אויף וועלכען זיי זיינען אויפ־געשריבען, און וויל אונז איינריידען, אַז דאָס זיינען די אמת'ע טויבען פון פרידען אויף דער וועלט.

און וואָרום ערלויבט זיך דער פּרע־זידענט צו האַלטען אַזאַ רעדע אין עהרע פון די פאַרשטאָרבענע, כאָטש די, וועל־כע זיינען אַרויס מיט'ן לעבען פון דעם בלוטיגען מבול, געהען אַרום איבער די גאַסען אַלס איינפאַכע בעטלער? דער תירוץ איז, און עס קען גאָר קיין אַנ־דערער ניט זיין, ווײַל ער ווייס, דאָס דער מענש פון אונזער צייט איז ניט אויף אַ האָר מער אינטעליגענט, ווי דער האַלב־מענש און האַלב־מאַלפּע פון 25 טויזענט יאָר צוריק.

אָבער איך קאָן נאָך ביי זיך אַלץ ניט פועלן, אַז דאָקטאָר גרייווס איז גע־רעכט, און איך הויב אָן לייענען די נייעס פון ענגלאַנד. ענגלאַנד איז דאָך ניט אַמעריקע; רעמזי מעקדאָנאַלד איז דאָך ניט הואווער, אפשר וועל איך דאָרט געפינען אַ שטיקעל טרייסט. זעה איך, דאָס די פאַרשטעהער פון דער גרוי־סער נאַציאָן פון אינדיען האָבען אַ קאָנפערענץ מיט די פאַרשטעהער פון גרויס־בריטאַניען.

ווער איך ווירקליך טשיקאַווע, וואָס וועט דער פרייהייטס־קעמפער מעקדאָ־נאַלד האָבען צו זאָגען צו די פאַרשטע־הער פון אינדיען?

איך טראַכט מיר, דאָס מסתמא וועט ער אָנערקענען דעם פאַרברעכען פון דעם ענגלאַנד ביז איצט צו האַלטען פאַר־שקלאַפט אַ גרויס פאָלק מיט אַזאַ גרוי־סער קולטור, און דאָס ענדליך איז גע־קומען די צייט פאַר זייער באַפרייאונג.

לייען איך זיין רעדע, און אַך, ווי שוואַך, וואָס פאַר האַלבע ווערטער!... עס איז שווער צו גלויבען, דאָס מעק־דאָנאַלד אַליין זאָל גלויבען אין דעם וואָס ער רעדט. ער ווייס, דאָס ער האַלט גאַנץ אינדיען אונטער'ן ענגלישען קנאַפּעל מיט דער הילף פון דער רויה־סטער געוואַלט, און ער מוסר'ט נאָך די פרייהייטס־קעמפער פון אינדיען, וואָרום זיי מאַכען אַן אונאָרדנונג!...

דאַכט זיך, די גאַנצע מעשה מיט דער הערשאַפט פון ענגלאַנד אין אינ־דיען איז דאָך זעהר איינפאַך. אַלעס, וואָס די אינדיער ווילען, ריידענדיג מיט די ווערטער פון טאָלסטאָי, איז אַז ענג־לאַנד זאָל אַראָפּקריכען פון איר רוקען. ניין, אפילו דאָס ווילען ניט די פאַר־שטעהער, זיי ווילען נאָר אַביסעלע מער פרייהייט, אַביסעל מער פון דעם רעכט פון זעלבסט־באַשטימונג, טו וואָס דאַרף מען דאָ אַזוי לאַנג קאָנפערירען? אָבער אָט דאָס ביסעלע וויל די פאָרטגעשרי־טענע ענגלאַנד ניט נאָכגעבען און ווער ווייס וויפיל בלוט, טייכען בלוט עס וועלען נאָך מוזען פאַרגאָסען ווערען, ביז ענגלאַנד וועט נאָכגעבען. קאָנט איר אפשר אין דעם זעהן אַ סליאַד פון אינטעליגענץ, פון יושר?

און אָט קום איך צו די רוסישע נייעס, צו דעם לאַנד, וואָס אונזערע קאָמוניסטען רופען דאָס „פאָטערלאַנד פון די אַרבייטער".

וועה, וואָס דאָרט טוט זיך! עס געהט ניט אַוועק אַ טאָג, וואו אַלערליי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קאָנספּיראַציעס ווערען ניט ענטדעקט. ניין, ניט ענט־דעקט, דאָס איז ניט דער ריכטיגער וואָרט, נאָר פּשוט ערפונדען, אויסגע־טראַכט, און אַלץ כדי סטאַלין זאָל קע־נען נאָך אַביסעל לענגער בושעווען אי־בער די 150 מיליאָן רוסען.

די איצטיגע אויסגעטראַכטע קאָנ־ספּיראַציע, אין וועלכער פראַנקרייך, ענגלאַנד, פּוילען, פינלאַנד און אַזוי ווײַ־טער, ווערען באַשולדיגט, איז אַזוי אומ־געלומפּערט, דאָס איינער דאַרף זיין אַן אידיאָט דאָס צו גלויבען פאַר איין מאָ־מענט. די שולדיגע אין רוסלאַנד, פּראָ־פעסאָרען און אינזשענירען זאָלען זיך שוין אַליין האָבען מודה געווען אין דער קאָנספּיראַציע, וואָס דאָס מאַכט דעם בלאָף נאָך משונה'דיגער, סיידען מען האָט זיי אַזאַ שוידערליך געפּייניגט, אַז זיי האָבען באַשלאָסען צו זאָגען אַלעס וואָס זייערע פּייניגער ווילען, אבי ניט אַזוי געמוטשעט צו ווערען.

איז אָט דער משונה'דיגער בלאָף ווערט צושמירט אין אַלע רוסישע צײַ־טונגען און דער „אויפגעקלערטער" רו־סישער אַרבייטער און פּויער ווילען עס לייענען, און מסתמא גלויבען, אַז דאָס איז אַלעס ריכטיג ווי גאָלד, און אַזוי וועט סטאַלין און קאָמפּאַניע זיך רעטען פאַר נאָך אַ שטיקעל צייט פון דעם אומפאַרמיידליכען באַנקראָט.

ניין, מעהר קאָן איך די צייטונג ניט לייענען. עס איז דאָך שרעקליך, וואָס פאַר אַ בילד פון לומפּען פון איין זייט און פון אידיאָטען פון דער אַנדערער זייט די צייטונג שפּיגעלט אָפּ. איז דאָס טאַקע אויך דאָס ריכטיגע לעבען?

ניין, עס קאָן ניט זיין, מסתמא בין איך היינט אין אַ באַזונדער שלעכטער שטימונג. אפשר, וועט דער מאָרגען, דער איבערמאָרגען ברענגען מעהר טרייסטפולע נייעס, אַזוי, אַז דאָס גאַנ־צע לעבען זאָל ניט אויסזעהן ווי אַ העסליכער טייפעל־שפּיל.

דאַנק־רעזאָלוציע.

מיר, די אַרבייטער פון די מיטשעל קלאָוק קאָ., 41 דיוויזשאָן סטריט, פאַר־זאַמעלט ביי אַ מיטינג אין אָפיס פון דזשאָינט באָארד, 33 צווייטע עוועניו, האָבען איינשטימיג באַשלאָסען אויסצו־דריקען אונזער טיפסטע אָנערקענונג צו אונזער ביזנעס אַגענט, ברודער נעש, וועלכער האָט אָוועקגעגעבען פיל מיה און ענערגיע צו אָרגאַניזירען אונזער שאַפּ. אַ דאַנק זיין שטעלונג איז אונז געלונגען איינצופירען יוניאָן באַדינגונגען ביי אונז אין שאַפּ.

גלייכצייטיג פאַרפליכטען מיר זיך אויך צו העלפען ברודער נעש און דער אַלגעמיינער יוניאָן אין די ווייטערדיגע אונטערנעמונגען פאַר דעם וואָהלזיין פון אַלע מיטגלידער.

דזש. ספּיטץ, טשערמאַן.
ל. שאַקמאַן, ס. סעטער.

פון צייט צו צייט

פון צביון.

עס איז, דאכט זיך, געווען מיט זעכ־
צעהן יאהר צוריק, ווען איך בין דאס
לעצטע מאל געווען ביי אן עקזאמען פון
ביזנעס איידזשענטס פאר דער קלאוק־
מאכער יוניאן, און מיט א פאר וואכען
צוריק בין איך ווידער אמאל געווען ביי
אזא עקזאמען, און איך דארף זאגען, אז
איך בין געווען א רעכט ביסעל אנטוישט.

נו, איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז
די קלאוקמאכער זיינען פאר די זעכ־
צעהן יאהר צייט אין קאלעדזש ניט גע־
גאנגען. זיי האבען געמוזט זיצען אין
די שעפער און הארעווען צו מאכען א
לעבען. אבער דאס וואלט געווען אן
אנטשולדיגונג, ווען איך וואלט היינט
דערווארט פון די קאנדידאטען פאר ביז־
נעס איידזשענט א העכערען גראד ביל־
דונג און אינטעליגענץ, ווי מען האט עס
געפאדערט פון זיי מיט זעכצעהן יאהר
צוריק. אבער עס האנדעלט זיך ניט ווע־
גען א העכערען גראד, נאר וועגען א פיל
נידעריגערען גראד.

ווען איך בין געזעסען און זיך צוגע־
הערט צו די פראגען און די ענטפערס
ביי דעם עקזאמען, האב איך מיר גע־
טראכט, אז ווען איך קען נאר אביסעל
בעסער נעהען מיט א פינגערהוט, וואלט
איך אפשר אויך געקענט אויסהאלטען אן
עקזאמען פאר א ביזנעס איידזשענט.
אהן א פינגערהוט נעה איך גאר ניש־
קשה. עס פלאנטערט זיך ביי מיר בלויז
אביסעל דער פאדים און מאנכעס מאל
צוברעכט זיך ביי מיר אויך די נאדעל,
נאר עס־נעהט זיך דאך ווי עס איז. מיט
א פינגערהוט, אבער, איז עס גרויסע
צרות. עפעס ווערט מיר שטייף דער
גאנצער פינגער, ווען איך טו אן אויף
איהם א פינגערהוט און פראביר איך
נאר נעהען איז די נאדעל די ערשטע
כפרה: אדער זי צוברעכט זיך איבער־
העלפט, אדער עס ברעכט זיך אפ דאס
אויערל. איך פארשטעה, אז דעם פינ־
גערהוט האבען די שניידער אומישנע
איינגעטראכט, כדי ניט יעדער פון גאס
זאל זיך קענען נעהמען צו שניידעריי.

נאר אויב איך בין ניט קוואליפיצירט
צו זיין א ביזנעס איידזשענט, ווייל איך
קען ניט נעהען מיט א פינגערהוט, מיינט
עס נאך ניט, אז יעדער וואס קען נעהען
מיט א פינגערהוט טויג פאר א ביזנעס
איידזשענט. אמאל זיינען די עקזאמענס
פאר ביזנעס איידזשענטס געווען גאנץ
שווערע. אויסער וואס זיי האבען גע־
דארפט וויסען די גאנצע שווערע תורה
פון פראטאקאל מיט אלע דינים פון
„מעדיאיישאן", „קאנסיליאיישאן" און
„ארביטריישאן", האבען זיי אויך גע־
דארפט וויסען א רעכט ביסעל תורה ווע־
גען טרייד־יוניאניזם און וועגען דער אר־
בייטער באוועגונג אין אלגעמיין. מען
פלעגט פרעגען וועגען דער אמעריקען
פעדעריישאן אוו לייבאר, וועגען פאך־
יוניאנס און אינדוסטריעלע יוניאנס און
אפילו וועגען „אי דאבל יו דאבל יו".

עס איז אמת, אז אויך דאן זיינען
ניט אלע ביזנעס איידזשענטס געווען
אזעלכע גרויסע לומדים. אידען זיינען
קיין גזלנים ניט, און מען פלעגט גאנץ
אפט דורכלאזען א קאנדידאט, וואס
האט אביסעל אונטערגעפאנפעט אין זיי־
נע ענטפערס. מען פלעגט זיך פארענט־
פערען, אז אויב פאר דעם פראטאקאל־
דעפארטמענט וועט ער ניט טויגען, וועט
ער פאר בראנזוויל, אדער פאר דער
איסט סאיד זיין גוט. אבער ווי די זאך
זאל ניט זיין, די פאדערונגען זיינען דאן
געווען א סך העכערע ווי היינט.

נו, איך וויס, אז די קלאוקמאכער
יוניאן האט אונטער דער צייט דורכגע־
מאכט א שווערען קריזיס, און אין דער
צייט פון מלחמה און אין דער צייט פון
רעקאנסטרוקציע, וואס קומט נאך דער
מלחמה, קען מען ניט זיין אזוי איבער־
קלייבעריש. איך פארשטעה עס זעהר
גוט. אבער איך גלויב, אז אזוי קען
עס דאך ניט בלייבען. איך גלויב, אז
עס איז געקומען די צייט, אז די יוניאן
זאל ווידער אמאל אנפאנגען א ביסעלע
מעהר קענטעניש צו פאדערען פון איהרע
ביזנעס איידזשענטס. עס איז ניט מער
ווי רעכט, אז די יוניאן זאל פאדערען,
אז א קאנדידאט פאר א ביזנעס איי־
דזשענט זאל גוט וויסען דעם אינהאלט
פון דעם קאלעקטיווען אפמאך וואס זי
האט מיט די מאנופעקטשורערס און ווי
אזוי ער ווערט דורכגעפיהרט אין לעבען.
דאס איז ניט קיין שווערע תורה אויס־
צולערנען. דער קאנדידאט דארף אויך
גוט וויסען די קאנסטיטוציע פון דער
אינטערנעשאנאל און ווי אזוי די יוניאן
פונקציאנירט. דאס איז אויך ניט קיין
שווערע תורה זיך אויסצולערנען, ווען
מען וויל ווערען א פראפעסיאנעלער יו־
ניאן־טוער. עס איז אויך ניט שווער זיך
אויסצולערנען צו וויסען וואס די אמע־
ריקען פעדעריישאן אוו לייבאר שטעלט
מיט זיך פאר. מען דארף וועגען דעם
בלויז דורכלייענען א קליין ביכעל, וואס
מען קען קריגען אין אפיס פון דער פע־
דעריישאן. איך גלויב אויך, אז א קאנ־
דידאט פאר א ביזנעס איידזשענט דארף
קענען אביסעל לייענען און שרייבען ענג־
ליש, זאל עס זיין מיט גרייזען, אבער
מען זאל קענען ווי עס איז פארשטעהן.
מיר קענען זיך ניט העלפען, מיר לעבען
אין א גוי'איש לאנד און א באאמטער
פון א יוניאן מוז קענען כאטש אביסעל
דאס גוי'אישע לשון. און אביסעל איז
ניט שווער זיך אויסצולערנען. עס איז
שווער זיך אויסצולערנען גוט. דאס
פאדערט ניט נאר צייט און ווילען, נאר
אויך באזונדערע פעהיגקייטען. ניט אלע
מענשען האבען די פעהיגקייט זיך אויס־
צולערנען א פרעמדע שפראך, ווען זיי
זיינען שוין אין די יאהרען. אבער אבי־
סעל ענגליש, עס הייסט ענגליש מיט
גרייזען, קען זיך יעדער אויסלערנען, ווען
ער האט נאר דעם ווילען דערצו. עס
איז אפילו פאר דעם ניט נויטיג קיין צו
גרויסע אנשטרענגונג. ווען איינער בא־
שליסט צו זיין א קאנדידאט פאר א ביז־
נעס איידזשענט, דארף ער דערביי אויך
באשליסען, אז ער דארף אפגעבען עטלי־
כע שטונדען א וואך אויף לערנען זיך
און צוגרייטען זיך. איך פארשטעה, אז
אין מיטען ברען פון סעזאן איז דאס
שווער. מען וויל זיך בעסער אפרוהען,
ווען מען קומט א פארהארעוועטער פון
שאפ, אבער עס זיינען פאראן גענוג וואַ־
כען און אפילו חדשים אין יאהר, ווען
א קלאוקמאכער האט גענוג פרייע צייט.

און באזונדערס דארף מען עס פאדע־
רען פון די שוין געוועהלטע ביזנעס איי־
דזשענטס. מען האט זיי צוגעלאזען צום
באלאט, ווייל מען האט געגלויבט, אז זיי
פאסען פאר דעם אמט צוליב זייערע אנ־
דערע אייגענשאפטען, און מען האט דע־
ריבער פארקוקט זייער מאנגעלהאפטע
בילדונג. זיי דארפען אבער אליין פיה־
לען, אז זייער אמט פארלאנגט פון זיי
מעהר און זיי דארפען דעריבער אויס־
נוצען זייער לעדיגע צייט אויף לערנען
זיך אביסעל. דאס איז זייער פליכט
צו זיך און צו דער יוניאן. עס איז מיין
מיינונג, אז די יוניאן דארף עס שטעלען
פאר א באדינגונג צו די ביזנעס איי־
דזשענטס, וואס זייערע קענטעגישען זיי־
נען ניט אינגאנצען צופרידענשטעלענד.
און געבען זיי צייט ביז צום נעקסטען עק־
זאמען, אז זיי זאלען זיך אביסעל צו־
לערנען.

איך האף, אז די קאנדידאטען ווע־
לען אויף מיר קיין פאראיבעל ניט הא־
בען.

* * *

לאקאל 1 האט געהאט זעהר א שעה־
נע נאמינאציאנס־פארזאמלונג. שוין א
לאנגע צייט האבען די אפערייטארס ניט
געהאט אזא גרויסע פארזאמלונג און צום
קרעדיט פון די אפערייטארס איז די
פארזאמלונג גוט דורכגעפיהרט געווארען,
ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די שטי־
מונג איז געווען א שטארק אנגע־
שטרענגטע.

אבער איך בין דא ניט אויסען צו
שרייבען א באריכט פון דער פארזאמ־
לונג. איך וועל זיך מודה זיין, אז איך
בין א גאנץ שלעכטער באריכטען שריי־
בער. עס טרעפט ביי מיר אפט, ווען
איך זיץ אויף א גרויסער פארזאמלונג,
אז איך זאל ניט דערהערען וואס איין
רעדנער אדער א צווייטער האט געזאגט,
ווייל איך בין נאר אין דער צייט געווען
פאראינטערעסירט צו צעהלען וויפיל
פליכעס און גראע קעפ אדער שווארצע
קעפ עס געפינען זיך אויף דער פאר־
זאמלונג. אמאל איז דאס אינטערע־
סאנטער און באלערענדער ווי הערען א
רעדע אדער א פאינט אוו ארדער. איך
האלט, אז די צאהל אלטע און יונגע,
וואס געפינען זיך אויף א פארזאמלונג,
האט א גרויסע באדייטונג און איך קען
אמאל דורכדעם פאראויסזאגען ווי אזוי
די פארזאמלונג וועט זיך פארענדיגען.
איך וויס, למשל, ווען עס קומט צו א
פראגע פון אויסדויער, וועלען די שוואר־
צע קעפ אויף דער פארזאמלונג אויס־
האלטען לענגער ווי די גראע. די שוואר־
צע קעפ, איך מיין דער איינגערער עולם
וועט זיצען אויף דער פארזאמלונג אזוי
לאנג ווי עס איז נויטיג; די עלטערע
אבער וועלען זיך ביסלעכווייז ארויסרו־
קען, ווען עס פאנגט אן ווערען שפעט.
איך ליב אגיך א קוק צו טאן הינטער
די קוליסען פון א פארזאמלונג, עס
הייסט כאפען א קוק אין דער פאליטיק
פון דער פארזאמלונג ווי אזוי מען מא־
נעווורירט און ווי מען שטעלט אונטער
פיסלעך. דאס איז מאנכעס מאל דער
אינטערעסאנטסטער טייל פון א פאר־
זאמלונג. און ווען איינער איז פארנו־
מען אויף א פארזאמלונג מיט אזעלכע
זאכען, קען ער זיך גאנץ ווייניג אפגע־
בען מיט שרייבען באריכטען. אין דער
ווירקליכקייט האט מיך אויף דער פאר־
זאמלונג אינטערעסירט מעהר ווי אלץ,
אויב די צוויי פראקציעס, אויף וועלכע
לאקאל 1 איז צוטיילט, קענען ניט גע־
פינען ווי עס איז א וועג צו ארבייטען
צוזאמען.

איך האלט די שארפע פראקציאנעלע
צוטיילונג אין לאקאל 1 פאר זעהר שעד־
ליך. איך מיין דא ניט שלום צו מאכען
צווישען די שטרייטענדע צדדים. איך
בין אין אלגעמיין א שלעכטער שלום־
מאכער, ווייל איך אליין בין צייטענווייז
א „קיקער". אבער איך גלויב דאך, אז
פאר די אינטערעסען פון דער יוניאן מו־
זען ביידע פראקציעס געפינען א וועג
ווי צו ארבייטען צוזאמען. און איך
וועל היינט זאגען דאס זעלביגע, וואס
איך האב געזאגט מיט א יאהר צוריק
וועגען לאקאל 1. איך וואלט ניט ווע־
לען, אז איין פראקציע אדער די צווייטע
זאל האבען א הינדערט־פראצענטיגען
זיג, ווייל דאס קען קיינמאל ניט פיהרען
צו קיין אייניגקייט אין לאקאל.

און ווען איך רייד וועגען אייניג־
קייט, מיין איך ניט אייניגקייט אין מיי־
נונגען. מיינונגס־פארשידענהייטען זיי־
נען נאטירליך און זיי זיינען א צייכען
פון לעבען אין דער יוניאן, אבער מיט־
גלידער פון איין יוניאן דארפען קענען
ארבייטען צוזאמען פאר זייער יוניאן,
ווען אפילו זיי זיינען ניט אינגאנצען
איינשטימיג אין זייערע מיינונגען.

* * *

איך בין די לעצטע צייט זעהר
שטארק פארנומען מיט עסען עפעל. איך
האב נאך קיינמאל ניט געגעסען אזוי פיל
עפעל ווי אין די לעצטע פאר וואכען.
און דאס איז ניט דערפאר, וואס איך
גלויב, אז פון עפעל עסען קען מען דעם
דאקטאר פארגעסען. ניין, איך וויס, אז
מען קען פון די דאקטוירים ניט פטור
ווערען וויפיל עפעל מען זאל ניט עסען.
און דאס איז דערפאר, ווייל די דאקטוי־
רים דארפען דאך אויך עסען עפעל און
זיי דארפען האבען מיט וואס צו קוי־
פען די עפעל. דאס זיינען געווען די
ארבייטסלאזע, צוליב וועמען איך האב
די לעצטע פאר וואכען אזוי פיל עפעל
געגעסען. אויף יעדער ווינקעל פון א
גאס שטעהט אן ארבייטסלאזער און
פארקויפט עפעל, און יעדעס מאל ווען
איך געה פארביי אזא עפעל־פארקויפער,
פיהל איך, אז עס איז מיין פליכט צו
קויפען אן עפעל און דערמיט העלפען
לייזען דאס פראבלעם פון ארבייטסלא־
זינקייט אין אמעריקא.

עס איז אמת, אז לויט מיין מיינונג
איז ארבייטסלאזען פארזיכערונג פון דער
רעגירונג א בעסערע לייזונג פאר דער
פראגע פון ארבייטסלאזינקייט, ווי פאר־
קויפען עפעל אין די גאסן פון ניו יארק,
אבער איך בין דא ניט אויסען צו קרי־
טיקירען די קאנווענשאן פון דער אמע־
ריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, ווארום
זי האט ניט אנגענומען קיין רעזאלוציע
פאר ארבייטסלאזען פארזיכערונג. איך
קלער בלויז, אויב די נייע עפעל־פאר־
קויפער, די ארבייטסלאזע, וועלען ניט
שאפען אן ארבייטסלאזינקייט צווישען
די אלטע עפעל־פארקויפער. עס הייסט,
אז עס וועלען זיך בלויז ענדערען די גע־
זיכטער פון די ארבייטסלאזע, אבער ניט
זייער צאהל.

אין דער אמת'ן איז די הויפט־פרא־
גע ניט צו באזארגען עטליכע הונדערט
ארבייטסלאזע מיט קעסטלעך עפעל צו
פארקויפען אין די גאסען, נאר מען דארף
באזארגען די מיליאנען ארבייטסלאזע
מיט וואס צו קויפען עפעל. און עס
פארשטעהט זיך, אז צו די עפעל אויך
ברויט און פוטער, ווארום מיט עפעל
אליין קען מען ניט לעבען.

* * *

עס שטעלט זיך ארויס, אז די ארגא־
ניזירטע ארבייטער אין אמעריקא זיינען
גארנישט אזוי שטארק געגען ארבייטס־
לאזען פארזיכערונג, ווי עס איז באהויפ־
טעט געווארען אויף דער קאנווענשאן פון
דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר
אין באסטאן. אין געגענטייל. די צאל
פון יוניאנס, וואס נעמען אן רעזאלוציעס
צו גונסטען פון ארבייטסלאזען פא־זיכע־
רונג ווערט אלץ גרעסער. עס זעהט אויס,
אז די אמעריקאנער ארבייטער גלויבען,
אז עס ריהרט גארניט אן זייער שטאלץ
צו קריגען ארבייטסלאזען בענעפיט פון
דער רעגירונג. און אויב עס האנדעלט
זיך שוין יא וועגען שטאלץ, דאן איז
עס אלענפאלס ווירדיגער פאר אן ארבײ־
טער צו קריגען ארבייטסלאזען בענעפיט
פון דער רעגירונג, איידער א פעקעל שפייז
א נדבה פון וועלכען עס איז בעל־צדקה.

די באשרייבונגען אין די צייטונגען,
ווי אזוי עס ווערען צוטיילט פעקלעך
שפייז צווישען די ארבייטסלאזע, מעגען
זיך לייענען גאנץ אינטערעסאנט. עס
זיינען פאראן רעפארטערס, וואס קענען
שרייבען זעהר ריהרענד, אבער ווען מען
רעדט וועגען שטאלץ מוז יעדער צוגע־
בען, אז וועגען כבוד טראכט מען גאנץ
ווייניג ביים טיילען די פעקלעך. ווער עס
וויל כבוד, זאל שוין בעסער קריגען ווע־
מען עס איז וואס זאל מאכען א באנקעט
פאר איהם, איידער געהן כאפען א פעקעל
שפייז. נאר עס איז אן אלט אידיש
ווערטעל: בעסער א שאנד אין פנים
איידער א וועהטאג אין בויך.

הונגערען איז זעהר א מיאוס'ע זאך,
און עס איז ניט נאר מיאוס, נאר עס
טוט אויך וועה. מען דארף דעריבער
וואס ווייניגער ביי אזעלכע געלעגנהײ־
טען ריידען וועגען שטאלץ. אבער ווען
מען רעדט שוין יא וועגען שטאלץ, דאן
איז ארבייטסלאזען פארזיכערונג דאס
ווייניגסטע פון וואס דער שטאלץ פון די
ארבייטער קען ליידען. איך וויל דער־
פאר האפען, אז די פיהרערשאפט פון דער
אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר וועט
אויף דער קאנווענשאן אין וואנקואווער
ענדערען איהר מיינונג וועגען ארבייטס־
לאזען פארזיכערונג.

50 יאהריגער יובילעאום פון י. באסקין, סעקרעטאר פון ארבייטער רינג געפייערט מיט שעהנעם באנקעט

ארום 800 פארשטעהער פון ברענ־
טשעס פון ארבייטער רינג אין ניו יארק,
פילאדעלפיא, קאנעטיקוט סטעיט און
ניו דזשורזי, האבען זיך זונטאג און.
פארזאמעלט ביי א באנקעט אויף 110טע
סטריט און פינפטע עוועניו, צו עהרען
יוסף באסקין, גענעראל סעקרעטאר פון
ארבייטער רינג צו זיין פופציג יעהריגען
יובילעאום. דער יובילאר איז אויפגע־
נומען געווארען מיט גרויסע אוואציעס,
און איז פרעזענטירט געווארען מיט א
סך מתנות. טאסט־מייסטער פון אווענט
איז געווען נ. כאנין, דער טשערמאן פון
ארבייטער רינג, און די הויפט־רעדנער
זיינען געווען: אב. קאהאן, רעדאקטאר
פון „פארווערטס", און ב. וולאדעק,
דזשענעראל מענעדזשער פון „פאר־
ווערטס".

ארבייטס צווישען די דרעסמאכער פיל פאר־
שטארקט געווארען און מיר האפען, אז עס
וועט לאנג ניט דויערען און פילאדעלפיע וועט
ווידער האבען א שטארקע דרעס מאכער יוניאן.
די אויסשפרייטונג און די פארגרעסערונג
פון דער אינטערנעשאנעל ווערט פארטגעזעצט,
ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די נויט איז איצט
אזוי שלעכט. די ארבייטער דארפען וויסען,
אז אויב זיי דארפען האבען א יוניאן און זיין
שטארק ארגאניזירט אין גוטע צייטען, דאן
דארפען זיי נאך מעהר און נאך שטארקער אר־
גאניזירט זיין אין שלעכטע צייטען. בלויז אין
זייער אייניגקייט און אין זייער ארגאניזירט־
קייט קענען די ארבייטער אין דער איצטיגער
שלעכטער צייט געפינען שוץ און הילף.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Journal

Published every other Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union. Office of Publication: 76 Montgomery St., Jersey City, N. J.; General Office: 3 W. 16th St., New York, N. Y. Tel. Chelsea 2148.

BENJ. SCHLESINGER, Pres. D. DUBINSKY, Sec.-Treas.
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Jersey City, N. J., Friday, Nov. 21, 1930

Application for transfer of second class privilege from New York, N. Y. to Jersey City, N. J., pending.

Acceptance for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

וואס די רייכע פרויען קענען טאן פאר די סטרייקענדע ליידיס טיילארס.

אויב די רייכע דאמען פון ניו יארק זיינען ערנסט אין זייערע באשטרעבונגען צו פארלייכטערען די נויט פון די ארבייטסלאזע און אויסשטרעקען זיי א האנד פון הילף, דאן איז עס זייער ערשטע פליכט זיך אפצורופען אויף דעם אפיל צו זיי פון די סטרייקענדע ליידיס טעילארס אין די רייכע פינפטע עוועניו שעפער. זיי פארלאנגען פון זיי ניט פיל. זיי פארלאנגען פון זיי ניט קיין מאטעריעלע הילף, זיי פארלאנגען פון זיי בלויז, אז זיי זאלען באטראכטען די גרויסע אומגערעכטיגקייט, וואס זייערע רייכע באלעבאטים פון די פינפטע עוועניו שעפער זיינען געגנען זיי באגאנגען, באנוצענדיג זיך מיט דעם איצטיגען שווערען קריזיס, וואס די ארבייטער לעבען איבער. און ווען די רייכע דאמען, וואס זאגען, אז זיי ווילען איצט קומען צו הילף די ארבייטער אין זייער שווערער צייט, וועלען אנערקענען די גערעכטע זייט פון די ליידיס טיילארס און די אומגערעכטיגקייט פון זייערע באלעבאטים, דאן קענען זיי מיט זייער איינפלוס א סך העלפען די סטרייקער אין זייער גערעכטען קאמף. איז דאך דער סטרייק אין די שעפער, וואו די רייכע דאמען קויפען זייערע קליידער און זיי קענען דאך זאגען די באלעבאטים, אז זיי וועלען ניט טראגען קיין קליידער, וואס זיינען געמאכט געווארען אין סקעב שעפער.

די סטרייקער דערצעהלען די רייכע דאמען אין זייער אפיל, אז זיי האבען דעם סטרייק ניט געוואלט, נאר ער איז אויף זיי ארויפגעצוואונגען געווארען פון די באלעבאטים. די ארבייטער האבען געזוכט דורכצוקומען מיט די באלעבאטים אויף א פרידליכען אופן, אבער די באלעבאטים האבען געזוכט קאמף.

אונזערע באלעבאטים, דערצעהלען די סטרייקערס, האבען אונז ארויסגעשטעלט א שטרענגע פאדערונג, אז זיי זאל געגעבען ווערען דאס אנטשיידענדע אייגענוויליגע רעכט אפצוזאגען ארבייטער אהן אן אורזאך און אהן א געריכט, עטוואס אזוינס, וואס איז קיינמאל ניט פראקטיצירט געווארען אין דעם ליידיס טיילארס טרייד. זיי האבען אויך ארויסגעשטעלט א פאדערונג וועגען פארקלענערען די ווייזשעס, אפשאפען אין זייערע שעפער די געזעצליכע ימים טובים און אין אלגעמיין צו פארקלענערען די ארבייטס־באדינגונגען, וואס די ארבייטער האבען זיך אויסגעקעמפט. די יוניאן איז געווען גרייט צו פארבויגען איהר פראגראם, כדי דורכצוקומען אויף א פרידליכען אופן, אבער די באלעבאטים, די קוטורירס אסאסיאיישאן, האבען ניט געוואלט קיין פרידען. מיר זיינען געצוואונגען געווארען צו פארלאזען זייערע שעפער.

דער צוועק פון די באלעבאטים איז געווען ניט קיין אנדערער ווי זיך צו באפרייען פון דער יוניאן און אפצושאפען יוניאן באדינגונגען פון זייערע שעפער. דאס איז געווען קלאר פון אנפאנג אן, נאר אויב עס האט נאך ווער עס איז געצווייפעלט אין דעם, האט ער זיך געקענט פולשטענדיג איבערצייגען פון דער לעצטער האנדלונג פון דער קוטורירס אסאסיאיישאן. די סטרייקערס ווייזען אן אויף דעם ענטפער, וואס די אסאסיאיישאן האט געגעבען צו מיס פרענסיס פוירקינס, אינדאסטריעל קאמישאנער פון דעם ניו יארק סטייט דעפארטמענט אוו לייבאר, וועלכע האט געוואלט זיין די פארמיטלערין צו פארענדיגען דעם סטרייק. מיס פוירקינס האט פארגעשלאגען א קאמפראמיס, נעמליך, אז די יוניאן זאל ערלויבען די באלעבאטים אפצוזאגען אייגענוויליג יעדען יאהר 5 פראצענט פון זייערע ארבייטער. פאר דער יוניאן איז געווען זעהר שווער דעם קאמפראמיס אנצונעמען, אבער זי האט דאך נאך אן איבערלעגונג באשלאסען צו לאזען וויסען מיס פוירקינס, אז איהר פארגעשלאגענער קאמפראמיס ווערט אנגענומען, כדי די ארבייטער זאלען קענען צוריקגעהן צו דער ארבייט. די באלעבאטים, אבער, האבען דעם קאמפראמיס צוריקגעוויזען! קען עס דען איצט נאך ביי וועמען עס איז זיין א צווייפעל, אז דער צוועק פון די באלעבאטים איז זיך איינגאנצען צו באפרייען פון יוניאן באדינגונגען אין זייערע שעפער?

און אויב די רייכע דאמען, וואס קויפען זייערע קליידער אין די פינפטע עוועניו שעפער, ווילען טאן א גערעכטע זאך, דאן האבען זיי איצט די בעסטע געלעגענהייט. זיי דארפען בלויז לאזען פיהלען די מיטגלידער פון דער קוטורירס אסאסיאיישאן, אז זיי ווילען ניט האנדלען מיט מענשען, וואס קענען זיין אזוי ברוטאל אומגערעכט צו זייערע ארבייטער און אז זיי ווילען ניט טראגען קיין קליידער, וואס סקעבס האבען געמאכט.

עס זיינען פאראן אויף דער פינפטער עוועניו רייכע שעפער, וואס האבען באניט זייער אפמאך מיט דער יוניאן. און דאס איז דער בעסטער באוויז, אז די באלעבאטים קענען מאכען גאנץ גוטע פראפיטען אויך אונטער יוניאן באדינגונגען און אז פאר די מיטגלידער פון דער קוטורירס אסאסיאיישאן איז בלויז א פראגע פון מעהר עקספלואטאציע און פון א בענקשאפט נאך דעם אלטען סוועט שאפ סיסטעם, וואו דער באס איז געווען דער אונבאשרענקטער זעלבסטהערשער אין שאפ און די ארבייטער זיינע שקלאפען.

און די רייכע דאמען, אויסער וואס זיי וועלען טאן א גוטע זאך און א גערעכטע זאך צו העלפען די סטרייקענדע ליידיס טיילארס געווינען זייער גערעכטען קאמף, וועלען זיי דערמיט אויך העלפען פארקלענערען די ארמיי פון די ארבייטסלאזע, ווען די סטרייקענדע ליידיס טיילארס וועלען זיך אומקעהרען צוריק צו דער ארבייט. און אין דער פארקלענערונג פון דער ארמיי פון ארבייטסלאזע זיינען זיי דאך, גלויבען מיר, געוויס פאראינטערעסירט.

די אפקלאנגען אין דער פרעסע.

מיר זיינען צופרידען, וואס דער גרעסטער טייל פון דער ניו יארקער פרעסע האט זיך ווידער אמאל אפגערופען צו גונסטען פון די סטרייקענדע ליידיס טיילארס.

דער צוריקוויזענדער ענטפער, וואס די באסעס האבען געגעבען אויף מיס פוירקינס קאמפראמיס־פארשלאג איז געווען פאר די ניו יארקער צייטונגען א נייער באוויז, אז דער סטרייק איז פון די באסעס ארויפגעצוואונגען געווארען אויף די ארבייטער מיט דעם צוועק צוצוברעכען זייער יוניאן און זיך צו באפרייען פון די יוניאן־באדינגונגען אין זייערע שעפער.

די „וואירלד" דריקט אויס איהר פארדרוס, וואס עס האט זיך מיס פוירקינס ניט איינגעגעבען צו ברענגען דעם ליידיס טיילארס סטרייק צו אן ענד. זי גיט דערביי איבער דעם ארגומענט פון דער יוניאן, אז דערמיט, וואס די יוניאן איז געווען גרייט אנצונעמען דעם קאמפראמיס פארשלאג פון מיס פוירקינס, האט זי זעהר פיל נאכגעגעבען די באלעבאטים. מען קען ניט פארגלייכען די זיבען שעפער פון דער קוטורירס אסאסיאיישאן מיט די אנדערהאלבען טויזענד שעפער אין דער קלאוק אינדוסטריע. ווען א קלאוקמאכער ווערט אפגעזאגט פון דער ארבייט אין איין שאפ זיינען פאראן א סך אנדערע שעפער, וואו ער קען זוכען ארבייט. ווען א ליידיס טיילאר, אבער, ווערט אפגעזאגט פון דער ארבייט אין איינעם פון די זיבען אסאסיאיישאן שעפער, דאן מעג ער כמעט זיין זיכער, אז די טירען פון די אנדערע זעקס שעפער וועלען זיין פאר איהם פארשלאסען. און עס זעהט אויס, אז די „וואירלד" האלט, אז דער ארגומענט פון דער יוניאן איז א גאנץ שטארקער.

די „איוונינג פאוסט" זאגט, אז די באסעס, וואס האבען צוריקגעוויזען די פארמיטלונג פון מיס פוירקינס צו פארענדיגען דעם סטרייק, שפילען אין די הענד פון די קאמוניסטען. די „איוונינג פאוסט" מיינט, אז אין דער איצטיגער צייט, וואס יעדער איינער איז פאראינטערעסירט צו פארקלענערען די ארמיי פון ארבייטסלאזע, קען קיינער ניט בלייבען גלייכגילטיג צו א סטרייק, וואס קען און דארף געסעטעלט ווערען. די באלעבאטים, זאגט די „איוונינג פאוסט", קענען זיך ניט ערלויבען, אז זיי זאלען אוועקגעשטעלט ווערען אין א לאגע, וואס מאכט דעם איינדרוק, אז זייער צוועק איז צוצוברעכען א יוניאן.

די „איוונינג פאוסט" רעכענט זיך צווישען די מעהר קאנסערוואטיווע צייטונגען און עס דארף פאר די מיטגלידער פון דער קוטורירס אסאסיאיישאן גאר ניט זיין אנגענעהם צו הערען, אז אויך זי געפינט זיי פאר אומגערעכט. אבער ווי האט עס דען אנדערש געקענט זיין? די אונגערעכטיגקייט פון דער אסאסיאיישאן איז אזא היטעל־שריינדע, אז זי מוז פון אלעמען פארדאמט ווערען.

א ווארט אין צייט צו דער קלאוקמאכער יוניאן אין שיקאגא

די קלאוק מאכער יוניאן אין שיקאגא האט אנגעפאנגען פארהאנדלונגען מיט די קלאוק מאנופעקטשורערס וועגען א נייעם אפמאך און איינער פון די וויכטיגסטע פונקטען אין דעם נייעם אפמאך איז די פראגע פון איינפיהרען שטיק־ארבייט אנשטאט וואך־ארבייט.

מיר וויסען, אז ביי די קלאוק אפערייטארס אין שיקאגא איז פאראן א שטארקע נייגונג פאר שטיק ארבייט. מען האט זיי איינגערעדט, אדער זיי האבען זיך אליין איינגערעדט, אז די איצטיגע ארבייטסלאזיגקייט אין דעם קלאוק טרייד אין שיקאגא קען געהיילט ווערען דורך שטיק־ארבייט. אבער מיר האפען, אז אט די איינריידעניש פון די אפערייטארס וועט ניט פיהרען דערצו, אז אין דעם קלאוק טרייד אין שיקאגא זאל שטיק־ארבייט פארנעמען דעם פלאץ פון וואך ארבייט.

די קלאוק מאכער יוניאן אין שיקאגא ווייס גאנץ גוט די שטעלונג פון דער אינטערנעשאנעל אין דער פראגע. עס איז אויף דעם לעצטען מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאנעל, וואס איז ניט לאנג צוריק אפגעהאלטען געווארען אין באסטאן, גאנץ ברייט און גאנץ גרינדליך דיסקוטירט געווארען די לאגע אין שיקאגא און די דזשענעראל עקזעקוטיווע קאמיטע האט איהר מיינונג געזאגט קלאר און דייטליך, אז זי איז געגען שטיק־ארבייט און אז די קלאוק מאכער יוניאן אין שיקאגא טאר ניט דערלאזען, אז די איצטיגע סיסטעם פון וואך־ארבייט זאל אפגעשאפט ווערען. די דזשענעראל עקזעקוטיווע האט עס גענוג קלאר געמאכט, אז די פראגע פון שטיק און וואך ארבייט איז ניט קיין לאקאלע פראגע, וואס ריהרט אן בלויז די קלאוק מאכער אין שיקאגא, נאר עס איז אן אלגעמיינע פראגע, וואס ריהרט אן די גאנצע קלאוק אינדוסטריע.

און אויב די קלאוק מאכער יוניאן אין שיקאגא ווייס איהרע פליכטען צו דער אינטערנעשאנעל, און מיר גלויבען, אז זי ווייס, דאן דארף זי אויך וויסען, אז עס איז איהר פליכט צו פאלגען די באשלוסען פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע. און אויב די קלאוק מאכער יוניאן אין שיקאגא גלויבט, אז דער באשלוס פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע איז ניט קיין ריכטיגער, אדער ניט קיין גערעכטער, דאן איז די קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל די העכסטע אינסטאנץ, וואס דארף אנטשיידען.

און ווען מיר ריידען דא וועגען דער קלאוק מאכער יוניאן אין שיקאגא איז עס דאך אין דער ווירקליכקייט ניט די גאנצע יוניאן, נאר די אפערייטארס, וואס זיינען געניינט צו שטיק־ארבייט. די פינישער זיינען אויסגעשפראכען געגען.

אבער מיר זיינען דא ניט אויסען צו דיסקוטירען די פראגע פון שטיק־ארבייט אין שיקאגא. די פראגע איז, ווי שוין געזאגט, גאנץ ברייט דיסקוטירט געווארען פון דער דזשענעראל עקזעקוטיווע און אזא באשלוס איז אנגענומען געווארען. מיר ווילען דא בלויז זאגען, אז די באשלוסען פון דער אינטערנעשאנעל מוזען אויסגעפאלגט ווערען פון די יוניאנס, וואס באלאנגען צו איהר, דאס איז די ערשטע באדינגונג פון יוניאן דיסציפלין.

די אינטערנעשאנעל ביי דער ארבייט.

די האפנונג פון די קלאוק מאכער אין וויניפעג צו האבען א יוניאן און צו ווערען א טייל פון דער אינטערנעשאנעל האלט איצט ביים פארווירקליכט ווערען. די אינטערנעשאנאל האט באאויפטראגט וויים־פרעזידענט קוירזנער פון טאראנטא צו פאהרען אין וויניפעג דארטען ארגאניזירען די קלאוק מאכער אין א יוניאן.

אין וויניפעג זיינען פאראן ארום 500 קלאוק מאכער, וועלכע זיינען קאנצענטרירט אין עטליכע שעפער און עס זיינען פאראן גוטע אויסזיכטען, אז דארטען זאל קענען ארגאניזירט ווערען א גוטע יוניאן און אז די קלאוק שעפער אין וויניפעג זאלען ווערען יוניאן שעפער. דאס איז ניט בלויז וויכטיג פאר די קלאוקמאכער אין וויניפעג נאר פאר דעם גאנצען קלאוק טרייד אין קאנעדע. עס זיינען אין דעם פאראינטערעסירט די קלאוק מאכער פון טאראנטא און די קלאוק מאכער פון מאנטרעאל. די קלאוק אינדוסטריע אין קאנעדע איז אין אלגעמיין ניט קיין איבעריגס גרויסע און א צענטער, וואו עס געפינען זיך פינף הונדערט ניט ארגאנירזירטע קלאוק מאכער האט א באדייטענדע ווירקונג אויפ'ן גאנצען טרייד.

אין טאראנטא האט די אינטערנעשאנעל אנגעפאנגען א מעהר ענערגישע טעטיגקייט צו ארגאניזירען די דרעסמאכער. די מייסטע וואס זיינען באשעפטיגט אין דער דרעס אינדוסטריע אין טאראנטא, זיינען מיידלעך און פרויען. זייער צאל איז ארום 4 טויזענד און די מייסטע פון זיי זיינען אידישע. די אינטערנעשאנעל שיקט ארײַן א ספעציעלע ארגאנייזערין און עס זיינען פאראן אלע אויסזיכטען, אז די ארבייט וועט זיין אן ערפאלגרייכע און טאראנטא וועט האבען א גוטע דרעס מאכער יוניאן. א קלאוק מאכער יוניאן האט טאראנטא איצט זעהר א גוטע און געווים וועלען די ארגאניזירטע קלאוק מאכער פון טאראנטא פיל מיטהעלפען צו ארגאניזירען די דרעסמאכער.

אין פילאדעלפיע איז די ארגאניזאציאנ

ביי די דרעסמאכער

פון דזשיי. שפילמאן, מענעדזשער

מיר האבן אבזיכטליך אויסגעמידען צו דערמאנען די אנסאמבעל־סוט פראגע, אין אונזערע באריכטען צוליב די פאלגענדע טעמים: ערשטענס, זיינען דא היינט צו טאג א סך וויכטיגערע אינדוסטריעלע ענינים וועלכע פארנעמען די צייט און מיה פון אונזער לאקאל; אפילו די אינטערנעשאנאל מיט אירע דזשאינט באארדס, האבען נאך אויך מיט וואס צו פארנעמען זיך, אויסער דיזער פראגע. צווייטענס, קאן מען איבערהויפט אזא אדער ענליכען סכסוך ניט שליכטען דורך „פובליסיטי".

מיר זאגען דאס אנטקעגען דעם באריכט פון בר. היינס, דער מענעדזשער פון לאקאל 1, וועלכער איז ערשינען אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט". די באציהונגען צווישען די קלאוק און דרעס דזשאינט באארדס ווי אויך צווישען לאקאלס 1 און 22 זיינען ווייט צו פריינדלאך אז מיר זאלען, חלילה, צווייפלען אין די מאטיוון פון בר. היינס. דאך, איז עס אונזער מיינונג, אז די ציטירונג פון זייער בריף צו דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און די אנדערע באמערקונגען בנוגע דיזער פראגע אין דער „גערעכטיגקייט" איז אן איבערגעאיילטע האנדלונג וועלכע קען שאפען מער צרות ווי נחת.

ווען מען לעזט בר. היינס באריכט, באקומט מען דעם איינדרוק אז די גאנצע דרעס אינדוסטריע איז באשעפטיגט ביי אנסאמבעל סוטס. ניטא קיין זוכר פון דרעסעס, וועהרענד אין אמת'ן איז די צאל שעפער וואו עס ווערען אויסשליסליך געמאכט אנסאמבעלס, זעהר באגרעניצט. אויך זיינען די אנסאמבעל סוטס וועלכע ווערען גענייט אין אונזערע שעפער, ווייט פון צו זיין דיזעלבע סוטס וועלכע ווערען געמאכט אונטער דער דזשורידיקציע פון לאקאל 1. זיי פעלט „באדי" און דעם אנגעמיינעם קינסטלערישען געשמאק פון א „קלאוק". בר. היינס בעדארף וויסען. האט ער דען ניט געמאכט, אדער געפרובירט מאכען, אן אונטערזוכונג מיט א פארשטעהער פון אונזער דזשאינט באארד אין די דרעס שעפער?

אין דעם דערמאנטען באריכט ווערט אויך געזאגט: „ווען דרעסמאכער ווערען ערמוטיגט צו טאן די ארבייט, ביי וועלכער עס דארפען באשעפטיגט ווערען בלויז קלאוקמאכער, ווערט דורכדעם געשאפען א דעמאראליזאציע..." פרעגן מיר, פון וואנען נעמט זיך דאס אזא אויסטייטשונג? אמת טאקע, אז די פארדינסטען פון די דרעסמאכער זיינען קלעגליכע, אבער דאס קען מען דאך אויך זאגען וועגען די קלאוק־אפרייטארס און אלע אנדערע פאכען אין אונזער טרייד. דער פאקט, וואס אונזערע מעמבערס ארבייטען פון שטיק, איז ניט די אורזאכע פון דער „דעמאראליזאציע". פאראן שעפער אין אונזער טרייד, וואו די שטיק ארבייטער פארדינען פונקט אזוי פיל ווי מען פאדערט ארבייטענדיג פון וואך ביי קלאוקס און מען ארבייט ניט אונטער ערגערע באדינגונגען. מיר וויסען פון פאלע אין אונזער טרייד, וואו אונזערע מעמבערס האבען געארבייט פון וואך, און זיינען געצוואונגען געווען, אויף די פאדערונג פון זערע באלעבאטים — טאקע אונטער דרוק פון „קאנקורענץ און דעמאראליזאציע" — צו גיהען פון שטיק און צום לעצט האבען די באלעבאטים פארלאנגט מען זאל ווידער גייהען פון וואך.

לויט אונזער אויפפאסונג פון דער וואך־ארבייט פראגע, איז זי אונז מעהר אנגענעם צוליב אנדערע טעמים און ניט דערפאר וואס דער ארבייטער ווערט ביי איהר ווייניגער עקספלואטירט אדער זיין לאגע ווערט פיל פארגרינגערט. זי איז א מיטעל, אבער ניט דער ציל.

אגב איז דער עצם ארגומענט וועגען דער גאנצער אנגעלעגנהייט — לויט בר. היינס פאלעמיזירונג — א שטארקע וואפע אין די הענט פון די פיהרער פון אינדאסטריעל קאונסיל.

דא ווילען מיר פארזיכערען אונזערע קאלעגען אין לאקאל 1, אז מיר האבען גארניט דאגעגען, אז דארט וואו מען מאכט טאקע קלאוקס זאלען די באטרעפענדע פירמעס געשטעלט ווערען, אזוי גיך ווי דאס ווערט מעגליך זיין אונטער'ן קאנטראל פון דער קלאוק דזשאינט באארד. דער דרעס־טרייד איז גענוג גרויס און דער ארגאניזאציאנס־וועג גענוג ברייט, אז מיר זאלען בעדארפען פארלירען צייט וועגען דער איינטיילונג פון א פאר שעפער.

אויך צווייפלען מיר, אויב די פיהרער פון דעם אינדוסטריעל קאונסיל, וועלכע האבען אזוי צובלאזען די אישו, דענקען ווירקליך, אז די אנסאמבעל סוטס שאפען א „גוואלדיגע קאנקורענץ". זיי דערלייגען זעהר ווייניג צו זייערע וואכען־הענט. עס איז בלויז א פריטשפעקע און ניט מעהר.

וואס אנבאלאנגט דער פראגע פון וואירקינג קארדס — און מיר האבען א שטארקען חשד, אז דאס האט פאראורזאכט דעם גאנצען טאראראם — ווילען מיר זאגען פאלגענדעס:

כל זמן די צאהל קלאוקמאכער, וועלכע האט זיך צו אונז געווענדעט נאך פערמאנענטע וואירקינג קארדס, איז געווען קליין, האבען מיר זיך קיינמאל ניט אפגעזאגט פון באוויליגען דיזע פריווילעגיע. אונזערע רעקארדס ווילען עס באשטעטיגען. באלד נאכ'ן לעצטען דזשענעראל סטרייק האבען זיך אבער א לאז געטאן אין אונזערע שעפער אן אומגעהויער גרויסע צאהל קלאוקמאכער, מיט וואירקינג קארדס און אהן וואירקינג קארדס. אונזערע מעמבערס האבען אנגעפאנגען צו פראטעסטירען, הלמאי דאס ווערט ערלויבט. זייער טענה איז, אז דער קלאוקמאכער באטראכט זיינע פאר וואכען פיידע ביי דרעסעס אלס א ביי־זאך, אן עקסטרא איינקונפט. זיי האבען ניט קיין אינטערעס צו קעמפען פאר א פרייז. אין די שעפער, וואו דער יוניאן־קאנטראל איז א שוואכער (מיר האבען ליידער א סך אזעלכע) ווערען לאקאל 1 מעמבערס ארויפגענומען צו דער ארבייט מיט דער אבזיכט, אז דוקא זיי זאלען זיין די יעניגע צו סעטלען פרייזען. עס זיינען דא א סך פאלען, וואו די ארבייטער האבען געמאכט סטאפעדזשעס צוליב פרייזען, און די מעמבערס פון לאקאל 1 האבען נאך עטליכע טעג „סטרייקען" גענומען די שערס אין פאקעט און מען איז אוועק זוכען אן אנדער דזשאב; אלץ דערפאר, וואס דאס איז ביי זיי א ביי־זאך, א צייטווייליגע פרנסה. אויב מיר מאכען מיט דער מיט א טעות, און די קלאוק אפרייטארס באטראכטען ניט זייערע פארדינסטען ביי דרעסעס אלס אן עקסטרא־איינקונפט, זאלען זיי זיך טראנספערירען צו לאקאל 22 און געמיינשאפטליך העלפען ארויפצורייזען די סטאנדארדס. מיר באטראכטען זיי פאר גאנץ גוטע יוניאן־לייט און ווילען זיי אויפנעמען מיט א ברידערליכער האנט.

אונזערע סעקשאן מיטינגען

זייט לעצטען סעפטעמבער ווערען אונזערע סעקשאן מיטינגען אפגעהאלטען אלע 2 וואכען. די צאהל באזוכער ווערט פארגרעסערט ביי יעדען מיטינג און די דיסקוסיעס ווערען אנגעפירט אויף א יוניאן־מעסיגען אופן. עס איז צו האפען, אז די מעמבערס וועלען פארטזעצען זייער אינטערעס אין די יוניאן אנגעלעגנהייטען און וועלען באזוכען די צוקונפטיגע מיטינגען אין מאסען. אויף אזא אופן וועט אונז געלינגען צו באקענען די ברייטע מעמבערשיפ מיט אלץ, וואס עס קומט פאר אין אונזער יוניאן. דאס וועט שוין במילא שאפען א שטארקען באדען פאר אונזער צוקונפטיגער טעטיגקייט.

איינע פון די הויפט־פראגעס, מיט וועלכע אונזער בראנקסער סעקשאן האט זיך פאראינטערעסירט, איז די פינאנציעלע לאגע פון אונזער יוניאן. אויף די לעצטע 2 מיטינגען איז ממש קיין צייט ניט פארבליבען צו ריידען וועגען קיינע טרייד אדער יוניאן פראבלעמען אויסער דיזער פראגע.

עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, אז זייט די לעצטע 5 אדער 6 יאהר געפינט זיך אונזער ארגאניזאציע — אריינרעכענענדיג די אינטערנעשאנאל און דזשאינט באארד — אין א געדריקטער פינאנציעלער לאגע. די וועכענטליכע דיוס האט קיינמאל ניט געסטייעט צו דעקען די אויסגאבען פון דער יוניאן. די עלטערע מעמבערס פון דער יוניאן געדיינקען געווים דעם קאמף, וועלכען דיזע פראגע האט פאראורזאכט אין 1924. זיי דארפען אויך געדיינקען די ארגומענטען, וועלכע אונזערע קאמוניסטישע פריינד האבען אנגעגעבען בעת זיי האבען ארויפגעלייגט דעם באריהמטען 20־דאלארדיגען אסעסמענט. און ניט דוקא אין יענע יאהרען, נאר אפילו מיט 10 און 15 יאהר צוריק זיינען די דעפיציטען געקאווערט געווארען הויפטזעכליך פון די גרויסע סומען איינטריטס־געלד, וועלכע פלעגען דאן אריינגענומען ווערען. די באשרענקונג פון דער אימיגראציע האט באדייטענד פארקלענערט דיזען איינקונפט. די איינטריטס־געלד, וועלכע עס קומט איצט אריין, איז מעהרסטענס פון געשטראכענע און ארויסגעפאלענע מיטגלידער. דאס מיינט פאקטיש — פון איין קעשענע ארויס און אין דער אנדערער אריין.

דארום האט אונזער עקזעקוטיוו באארד אויף איינעם פון איהרע לעצטע מיטינגען באשטימט א קאמיטע, וועלכע זאל גרינדליך שטודירען די גאנצע אנגעלעגנהייט. אזוי ווי די דזשאינט באארד און אויך די אינטערנעשאנאל ווערט אויסגעהאלטען פון די געלדער, וועלכע ווערען איינגעקאלעקטעט דורכ'ן לאקאל, איז די קאמיטע אויך אויטאריזירט געווען אויפצונעמען די פראגע מיט די באאמטע פון די באטרעפענדע קערפערשאפטען.

קומענדע מיטינגען דעם 4טען דעצעמבער

צוליב דעם וואס דעם קומענדען דאנערשטאג איז א יום־טוב וועלען אונזערע נעקסטע סעקשאן־מיטינגען אפגעהאלטען ווערען דאנערשטאג דעם 4טען דעצעמבער.

די מיטינגען וועלען פארקומען אין די פאלגענדע פלעצער:

בראנקס: סאציאליסטישע העדקווארטער — 1167 באסטאן ראוד.

בענסאנהורסט: ארבייטער רינג סענטער — 7212 20טע עוועניו.

איסט ניו יארק: וועט אנאנסירט ווערען אין דער טעגליכער פרעסע.

ארבייטסלאזיגקייט — די שולד פון די באלעבאטים

די ארבייטסלאזיגקייט אין דרעס־טרייד איז זעהר גרויס. אמת, איצט איז אונזער געוועהנליכער סלעק־סיזאן. פלעגט מען דאך פריהער אבער פארט פארדינען א פאר סענט דורך דער סלעק־צייט. דאס מאל אבער איז ממש קיין שטאך ניטא. עס ליידען די פרויען מעמבערס, און עס ליידען די פאמיליע־ערנעהרער. ערוואקסענע קינדער, וועלכע פלעגען ארויסהעלפען טאטע־מאמע, קלאפען אין די טיהרען פאר א דזשאב, וועלכען מען קען ניט קריגען.

עס איז ווירקליך צום באדויערען, אז נאך עטליכע און צוואנציג יאהר טרייד־יוניאניזם זאלען מיר ניט זיין אימשטאנד אכטונג צו געבען אויף אונזערע מיטגלידער, וועלכע מוזען ליידען נויט, נאר דערפאר וואס די ארבייטס־געבער מיט זייער גאנצער עקספלואטאטארישער ארדנונג האבען אונז פארפיהרט אין א בלאטע, פון וועלכער זיי קענען אליין ניט ארויסקריכען.

ארבייטסלאזיגקייט איז ניט די שולד פון די ארבייטער. זי איז די שולד פון מענעדזשמענט, אדער בעסער געזאגט, פון דער מיס־מענעדזשמענט פון די באלעבאטים. און פונקט אזוי ווי זיי צאלען פאר פייער און גנבה און עקסידענט פארזיכערונג. אזוי בעדארפען זיי אויך צאהלען פאר ארבייטסלאזיגקייט. מיר מוזען אנפאנגען אויף דאס ניי א קאמף, אז ארבייטסלאזיגקייט זאל ווערען אויך א היזק פאר די באלעבאטים, ניט נאר פאר די ארבייטער. ערשט דאן און נאר דאן וועלען זיי זיין פאראינטערעסירט איינצוארדענען זייערע אינדוסטריען אויף א וויסענשאפטליכען אופן. דאס קען מען אויספיהרען דורך א שטארקער יוניאן. העלפט דארום אונזער יוניאן מעכטיגער און איינפלוסרייכער צו ווערען, כדי מיר זאלען קענען, ביי דער פאסענדער געלעגנהייט, אויפצונעהמען און דורכפיהרען דיזע סאמע נויטיגסטע רעפארמע.

אונזער דעליעף פאנד

די רעליף קאמיטע האט לעצטענס געהאט צו פארהאנדלען עטליכע פאלען וואו די באטרעפענדע זיינען געווען נאר אלטע מעמבערס פון דער יוניאן. זיי האבען זיך פארענטפערט, אז די צייט האט זיי געצוואונגען דאס צו טאן. אין דער פארגאנגענהייט וואלטען זיי אפילו ניט געטראכט פון ווענדען זיך צום פאנד. די קאמיטע האט זיי פארזיכערט, אז דער פאנד עקזיסטירט פאר דעם צוועק צו העלפען די קראנקע מיטגלידער פון דער יוניאן. עס איז דער איינענטום פון די מעמבערס. זיי צאהלען דערפאר און דעריבער באדארף דער מעמבער פיהלען, אז קיינער טוט איהם קיין טובה ניט אין ער קריגט דאס, צו וואס ער איז בארעכטיגט.

מיר בעטען אנטשולדיגונג ביי לאקאל 17.

דער פינאנס־באריכט פון לאקאל 17 האט ליידער צוליב מאנגעל אין פלאץ ניט בעקענט געדרוקט ווערען אין דעם נומער „גערעכטיגקייט" און האט געמוזט אפגעלעגט ווערען פאר דעם נעקסטען נומער.

אין דער סעמפל מאכער יוניאן, לאקאל 3

פון דוד רובין, מענעדזשער.

אין דער לעצטער צייט האבען מיר צוויי מאל גערופען לאקאלע מיטינגען און ביידע מאל זיינען די מיטינגען געווען אזוי שוואך באזוכט, אז מיר האבען געמוזט די מיטינגען אפלייגען. דאס מאל טאר דאס מעהר ניט פאסירען.

דער דזשענעראל מעמבער מיטינג מוז דאס מאל אפגעהאלטען ווערען אונטער אלע אומשטענדען איבער פאלגענדע אורזאכען:

די ערשטע און ד וויכטיגסטע פראגע, איבער וועלכער מיר וועלען זיכער האבען וואס צו באריכטען, וועט זיין די סעמפעל־מאכער פראגע. ווי איהר געדענקט, האב איך אין מיין לעצטען באריכט אין דער „גערעכטיגקייט" באמערקט, דאס ברודער נאגלער, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דער דזשאינט באארד, וועט אפהאלטען א קאנפערענץ מיט די פאראינטערעסירטע לאקאלען איבער דער אויבען־דערמאנטער פראגע. און ווירקליך די טעג וועט אזא קאנפערענץ אפגעהאלטען ווערען. מיר זיינען זיכער, דאס די קאנפערענץ וועט פארהאנדלען און פאסען באשלוסען צו גונסטען פון אונזערע סעמפעל־מאכער.

אונזער לאקאל, דער פאראינטערעסירטער לאקאל איבער דער סעמפעל־מאכער פראגע, וועט טאן דאס בעסטע, אום דער סעמפעל־מאכער זאל ניט געקריוודעט ווערען, ווייל אונזערע מעמבערס זיינען ווירקליך די, וועלכע זיינען בארעכטיגט צו מאכען די סעמפעלס.

איבער דער פראגע וועט באריכטעט ווערען ביים נעקסטען דזשענעראל מעמבער מיטינג, וועלכער וועט אפגעהאלטען ווערען שבת, דעם 29טען נאוועמבער, אין אונזער לאקאל אפיס, 127 וועסט 33טע סטריט איינס אזייגער נאכמיטאג.

ביים דזשענעראל מעמבער מיטינג וועט אויך געמאכט ווערען ערשטע און לעצטע נאמינייישאן פאר מענעדזשער־סעקרעטאר און עקזעקוטיוו באארד דעלעגאטען פאר דעם יאהר 1931. און עס וועלען פארהאנדלט ווערען אנדערע וויכטיגע טרייד־פראגען.

יעדער מעמבער ווייסט ווי וויכטיג עס איז צו נאמינירען די בעסטע און פעהיגסטע מענשען פאר די אויבען־דערמאנטע אמטען. מיר מוזען האבען פארטרויענסווערטע מענשען, וואס זאלען רעפרעזענטירען דעם לאקאל אין די אינטערעסען פון די מיטגלידער. דעריבער טאר קיינער ניט פארפעהלען צו זיין אנוועזענד ביים נאמינייישאן און פארלייגען די מענשען, וועלכע ער גלויבט וועלען אם בעסטען טאן די ארבייט פאר אונזער לאקאל יוניאן.

אונזער לאקאל האט ספעציעלע פראבלעמען, וועלכע נאר די מענשען, וואס שטעהען נאהענט צום לאקאל פאר לאנגע יאהרען, ווייסען און קענען פארשטעהן. איהר קאנט זיי און איהר ווייסט זייערע פעהיגקייטען.

זעהט, אז אט די מענשען זאלען זיין נאמינירט פאר די אמטען. מיר ווילען אויך מיט גרויס פארגעניגען אויפנעמען די נאמינייישאנס פון די מענשען, וועלכע ווילען טאן גוטע ארבייט פאר אונזער לאקאל און וועלכע זיינען ביז איצט געשטאנען פון דער ווייטענס.

די הויפט זאך: קומט צום מיטינג און מאכט איהם אינטערעסאנט און בעלעהרענד. דאס וועט זיין דאס בעסטע פאר אן אנפאנג.

מיטינג פון ניו יארקער קלאוק, סוט און ריפער מאכער דזשאינט באארד

א רעגולער מיטינג פון דזשאינט באארד קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן, לאקאלען 1, 3, 9, 10, 17, 21, 23, 35, 48, 64 און 82, א. ל. ג. וו. י. איז אפגעהאלטען געווארען מיטוואך אווענט, נאוועמבער דעם 12טען, 1930, אין אינטערנעשאנעל אודיטאריום, 3 וועסט 16טע סטריט.

טשערמאן פיליפ אנסעל.

דער דזשאינט באארד פראטאקאל פון דעם 5טען נאוועמבער, ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען, מיט דער קארעקשאן אז מאזער, גארדאן און טשענסער זיינען געווען אנוועזענד ביים לעצטען מיטינג.

דער באארד אוו דירעקטארס גיט אפ פאלגענדען באריכט פון זייער מיטינג, מיטוואך אווענט דעם 10טען נאוועמבער, 1930.

טשערמאן — אלעקס סטודענט.

קאמיטעס:

ברודער ה. קליין, א מעמבער פון לאקאל 1, ערשיינט און ערקלערט אז ער האט געארבייט ביי וואולף און שיינבערג, ווען די פירמע האט באלאנגט צום אינדוסטריעל קאונסיל. ווען די פירמע האט צוריק געעפענט דעם שאפ, אלס א מעמבער פון דער מוירטשענטס אסאסיאיישאן, האט זי איהם געוואלט ארויסנעמען אלס א סעמפעלמאכער. די פירמע האט אבער געהאט בלויז 14 מאשינען און עס זיינען געווען 18 אפערייטארס. עס איז דאן באשלאסען געווארען אז די אפערייטארס מיט די סאמפעל מאכער זאלען ווארפען גורל און אלס רעזולטאט איז ער דאן ארויסגעפאלען.

אצינד האט די פירמע אנגעהויבען מאכען די נייע ליין סעמפעלס און האט איהם ארויפגענומען צו ארבייטען אויסשליסליך אויף סעמפעלס, אבער מאנכע ארבייטער, ווי אויך די באאמטע פון אפיס זיינען געגען דעם. זיי טענה'ן, אז אויב דער באלעבאס דארף האבען נאך א בעל מלאכה, זאל ער ארויפנעמען איינעם פון די ארויסגעפאלענע נאך דער רייהע נאך, לויט ווי דער גורל האט פריהער באשטימט. אזוי ווי דא האנדעלט זיך אויסשליסליך וועגען סאמפעלס און ניט וועגען סטאק, גלויבט ברודער קליין אז ער איז פונקט אזוי בארעכטיגט ווי אנאנדערער, און ער פארלאנגט דארום ערלויבניש ארויפצוגעהן ארבייטען.

נאך א קורצער בעראטונג ווערט ברודער קליין'ס פארלאנג באוויליגט.

ברודער הערי ליבער, א מעמבער פון לאקאל 9, ערשיינט און ערקלערט אז ער איז נאמינירט געווארען פאר דעם אמט אלס יוניאן דעלעגאט, אבער ער איז ניט ערשינען פאר דער דזשאינט באארד עקזאמינײשאן קאמיטע, ווייל ער האט ניט ערהאלטען קיין בריף פון דזשאינט באארד ווען ער זאל ערשיינען. ער האט בלויז ערהאלטען א בריעף פון לאקאל 9 צו ערשיינען פאר דער „לאקאלער אבדזשעקשאן קאמיטע" שבת, דעם 8טען נאוועמבער.

ברודער נאגלער ערקלערט אז ער האט זיך דורכגערעדט וועגען דעם מיט ברודער קוירטצמאן, מענעדזשער פון לאקאל 9, און ברודער דובינסקי, גענעראל סעקרעטאר פון דער אינטערנעשאנעל. ברודער דובינסקי האט פארגעשלאגען אז אזוי ווי אונזער באארד אוו דירעקטארס באשטעהט פון א מאיאריטעט פון דער עקזאמינײשאן קאמיטע זאל דער באארד אוו דירעקטארס עקזאמינירען ברודער ליבער.

ברודער דובינסקי'ס פארשלאג ווערט אנגענומען און בר. ליבער ווערט עקזאמינירט פון באארד אוו דירעקטארס. עס ווערט באשלאסען צו רעקאמענדירען צו לאקאל 9 ארויפצושטעלען איהם אויף דעם באלאט.

סעקרעטער'ס באריכט

ברודער אשפיז גיט אפ א באריכט פון די איינגאמען און אויסגאבען פון דזשאינט באארד פאר דעם מאנאט סעפטעמבער. דער באריכט ווערט גוטגעהייסען.

מענעדזשערס באריכטען:

ברודער מאזער, מענעדזשער פון אמעריקען און אינדעפענדענט דעפארטמענט „איי", גיט אפ פאלגענדען באריכט:

פון דעם 20טען אקטאבער ביז דעם 10טען נאוועמבער האט דער דעפארטמענט ערליידיגט פאלגענדע קאמפליינטס:

מיר האבען ערהאלטען א קאמפליינט געגען דער פירמע פון וויליאם שווארטץ, אז זי האט באנקראטירט און האט ניט באצאהלט די ארבייטער זייערע שכירות. עס איז אונז געלונגען צו קאלעקטען פאר דיזע ארבייטער די פולע סומע שכירות פון $570.91.

מיר האבען אויך קאלעקטעט בעקפעי פאר פארשידענע ארבייטער אין דער סומע פון $412.78. צוזאמען האבען מיר קאלעקטעט די סומע פון $983.69.

מיר האבען אויך ערהאלטען 2 קאמפליינטס וועגען שטיק ארבייט, און ביידע קאמפליינטס זיינען באשטעטיגט געווארען. ביידע פירמעס זיינען באשטראפט געווארען. די פירמע ס. ליווי איז באשטראפט געווארען מיט 100 דאלאר און די סטוירלינג קאוט קא., מיט 75 דאלאר. די ארבייטער פון ביידע שעפער זיינען איבערגעוויזען געווארען צו דער גריוועגס קאמיטע.

די פירמע בעקער קלאוק קאמפ. 553 8טע עוועניו, איז באשטראפט געווארען מיט 100 דאלאר פאר ארויסשיקען ארבייט צו ניט־רעגיסטרירטע קאנטראקטארס. די פירמע איז אויך אינסטרוירט געווארען צו רעגיסטרירען אלע איהרע קאנטראקטארס אין דער יוניאן, אין דער צוקונפט.

צוויי פירמעס זיינען באשטראפט געווארען פאר שניידען אליין ארבייט.

אין סך הכל האט דער אפיס קאלעקטירט אין די לעצטע 3 וואכען אין שכירות און שטראפען, די סומע פון $1,289.09.

מיר האבען אויך ערליידיגט דיסטשארדזש קייסעס אין 4 שעפער.

צום שלוס באמערקט ברודער מאזער, אז ביז יעצט האט די אמעריקען אסאסיאיישאן מיטגעהאלפען אין אויפדעקען די פאקטען אין קייסעס וואו שעפער זיינען געווען פארדעכטיגט אין ארבייטען פון שטיק. אצינד האט די אסאסיאיישאן געביטען איהר שטעלונג. זי אנטזאגט זיך צו באשטעטיגען אזוינע קייסעס סיידען די יוניאן שטעלט צו אומבאשטרייטבארע באווייזע. דאס מאכט אונזער אויפגאבע, אויסצוראטען שטיק־ארבייט באדייטעד שווערער, אבער דער אפיס ווענדעט אן אלע מעגליכקייטען צו קריגען די גויטיגע פאקטען און ברענגען די שולדיגע צו פאראנטווארטליכקייט.

ברודער היינס פרעגט אן, וואס עס ווערט געטאן אין באצוג דורכצופיהרען דעם אומפארטייאישען טשערמאנ'ס ענטשיידונג אין שעפער וואו פירמעס שיקען ארויס ארבייט ווערהענד זיי באשעפטיגען ווייניגער ווי 14 אפערייטארס. ברודער היינס ערקלערט דערביי, אז ער האט פיעל בייגעטראגען ביים צוזאמענשטעלען די פאקטען כדי צו מאכען מעגליך אז דער אומפארטייאישער טשערמאן זאל ארויסגעבען אזא ענטשיידונג, און ברודער נאגלער האט עס באריכטעט צום לעצטען מיטינג פון באארד אוו דירעקטארס. לאקאל 1, וועמען ער פארטרעט, איז בלוטיג פאראינטערעסירט אז דיזע ענטשיידונג זאל שטרענג און פינקטליך דורכגעפיהרט ווערען.

ברודער מאזער ענטפערט, אז ער האט געקראגען פון ברודער נאגלער אינסטראקשאנס וועגען דיזען ענין און ער מאכט איצט די נויטיגע פארבארייטונגען דורכצופיהרען שטרענג דיזע ענטשיידונג מיט דעם אנפאנג פון דעם קומענדען ספרינג סעזאן.

נאך א קורצער בעראטונג ווערט ברודער מאזער'ס באריכט גוטגעהייסען.

ברודער מוטשינראסי, מענעדזשער פון ארגאניזיישאן דעפארטמענט, גיט אפ דעם לעצטען באריכט וועגען דער טעטיגקייט און די אויפטואונגען פון דיזען דעפארטמענט פאר דער צייט פון זיין קורצער עקזיסטענץ. דער באריכט גיט אן מיט איינצעלהייטען אלץ, וואס דיזער דעפארטמענט האט אויפגעטאן ביז איצט ווי אויך די פארבארייטונגען וואס זיי האבען געמאכט פאר דעם קומענדען סעזאן.

ברודער נאגלער דריקט אויס זיין אנערקענונג צו דעם ארגאניזיישאן דעפארטמענט פאר דער גוטער ארבייט וואס זיי האבען אויפגעטאן, און ער איז הויפטזעכליך צופרידען מיט דעם פאקט וואס דיזען דעפארטמענט איז געלונגען אויפצוטאן אזא גרויסע מאס ארבייט מי טא קליינער ארגאניזיישאן קאמיטע.

ער ערקלערט אויך, אז עס איז פארבליבען א גרויסע מאס פארבארייטונגס־ארבייט אויף צו באנייען די ארגאניזאציאנס־טעטיגקייט פאר דעם קומענדען סעזאן. ער האט דארום באשלאסען אנצוהאלטען ברודער מוטשינראסי ביי דיזער ארבייט.

ברודער מוטשינראסי'ס באריכט ווערט דאן גוטגעהייסען.

גענעראל מענעדזשער'ס באריכט

ברודער נאגלער באריכטעט אז מיט א צייט צוריק האט ער געמאלדען צום דזשאינט באארד אז ברודער פעליקס רייז, איינער פון אונזערע ביזנעס אגענטען, איז אטאקירט און פארוואונדעט געווארען פון אן אומבאקאנטער פערזאן, געהענדיג אהיים פון אפיס. ער האט דאן ערקלערט אז עס טראגען זיך ארום קלאנגען וועגען דעם קוואל און די אורזאכען פון דיזען אנגריף. ער האט באשלאסען גרינדליך צו אונטערזוכען דיזע קלאנגען. דער דזשאינט באארד האט איהם דאן אויטאריזירט אנצוגעהן מיט דער אונטערזוכונג. ער האט דאן אנגעשטעלט צוויי אויספארשער. ליידער איז זיי ניט געלונגען צו געפינען קיין שפור צו די אנגרייפער און נאכדעם ווי זיי האבען געארבייט אויף דער קייס 4 וואכען האבען זיי איהר אויפגעגעבען אלס א האפנונגסלאזע.

ער באריכטעט ווייטער אז ער האט אינסטרואירט ברודער סארקין צו זעהן אז די ענטשיידונג וואס דער אומפארטייאישער טשערמאן האט ארויסגעגעבען אין דער טעסט קייס פון בענדזשאמין ליווי און קא., זאל פינקטליך דורכגעפירט ווערען. ברודער סארקין האט היינט באזוכט די פירמע. ער האט אויסגעפונען אז ערשט היינט האבען די קאטערס זיך געשטעלט ארבייטען און מיטוואך וועלען די אפרייטארס אנפאנגען ארבייטען. די פירמע האט פארשפראכען ארויפצונעמען די נייע אפרייטארס מיטוואך אין איינקלאנג מיט דער ענטשיידונג.

ברודער נאגלער'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

צום וואויל און בעסטען ציהט ברודער נינפא די אויפמערקזאמקייט פון באארד אוו דירעקטארס אויף דעם צושריפט וואס לאקאל 48 האט צוגעשיקט דעם 28טען דזשולאי, 1930, פארלאנגענדיג אז עס זאלען אנגענומען ווערען געוויסע מיטלען צו פארלייכטערען די לאגע פון די סאמפעלמאכער. דער באארד אוו דירעקטארס האט דאן באשלאסען אויפצונעמען דיזע פראגע אין א פאר וואכען ארום, אבער ביז איצט איז נאך גאר ניט געטאן געווארען וועגען דיזען ענין.

ברודער רובין באמערקט אז אויך לאקאל 3 האט צוגעשיקט אן ענליכען צושריפט אין דער זעלבער צייט, מיט דעם זעלבען רעזולטאט. ער ערקלערט אויך אז ביי דעם לעצטען מיטינג פון באארד אוו דירעקטארס האט ער אויפגעהויבען דיזע פראגע, אבער ליידער איז עס ניט פארצייכענט געווארען אין פראטאקאל. ער שליסט זיך דארום אן אן נינפא'ס פארלאנג אז דיזע פראגע זאל איינמאל פאר אלעמאל געלייזט ווערען.

ברודער נאגלער ענטפערט דארויף אז ער וועט אין פארלויף פון דיזער וואך רופען א קאנפערענץ פון אלע צדדים וואס זיינען פאראינטערעסירט אין דיזער פראגע, און ער פארלאנגט אז די מענעדזשערס פון לאקאל 3 און 48 זאלען צוגרייטען אלע נויטיגע פאקטען און מאטעריאל וואס האבען א שייכות מיט דיזען ענין.

ברודער בערמאן פרעגט אן אויב עס זיינען געמאכט געווארען די נויטיגע ארראנדזשמענטס מיט אונזערע לאקאלען וועגען די נאמיניישאנס פאר א גענעראל מענעדזשער. ער ערקלערט אז לאקאל 9 וועט אפהאלטען זיינע וואלען דעם 20טען נאוועמבער און עס איז דעריבער אומבאדינגט נויטיג אז אלע לאקאלען זאלען אריינשיקען די נעמען פון זייערע קאנדידאטען פאר דעם אמט פון גענעראל מענעדזשער, בעפאר דעם 20טען נאוועמבער, כדי די מיטגלידער פון לאקאל 9 זאלען זיך קענען באטייליגען אין די וואלען פאר גענעראל מענעדזשער.

ברודער אשפיז ענטפערט דארויף אז ער האט ארויסגעשיקט דעם 5טען נאוועמבער א צושריפט צו אלע לאקאלען אויפפאדערענדיג זיי צו מאכען נאמיניישאנס פאר גענעראל מענעדזשער אין דער צייט ווען זיי וועלען אפהאלטען זייערע נאמיניישאנס פאר לאקאלע און דזשאינט באארד באאמטע. ביז יעצט האט נאך קיין לאקאל איהם ניט געלאזט וויסען ווען זייערע נאמיניישאנס אדער וואלען וועלען אפגעהאלטען ווערען.

נאך א קורצער דיסקוסיע ווערט באשלאסען איבערצואווייזען דיזע אנגעלעגענהייט צום אפיס מיט דעם תנאי נויטיגע אראנדזשמענטס דאס אלע לאקאלען זאלען מאכען זייערע נאמיניישאנס פאר דעם 20טען נאוועמבער.

דערמיט ווערט דער מיטינג געשלאסען.

מ. י. אשפיז,
סעקרעטער־טרעזשורער.

נאך א קורצער בעראטונג ווערט דער באריכט פון באארד אוו דירעקטארס גוטגעהייסען.

לאקאל 65, קלאוקמאכער פון לאס אנדזשעלעס, קאליפארניא, שיקט אריין א צושריפט פארלאנגענדיג פינאנציעלע הילף פאר זייער סטרייק וועלכען זיי פירען אן פאר די לעצטע 10 וואכען. דער צושריפט לויטעט אז ווערענד 70 פראצענט פון די שעפער האבען שוין געסעטעלט, פירען די איבעריגע 30 פראצענט אן א פארביטערטען קאמף, און ווי עס ווייזט אויס וועט דיזער קאמף זיך פארציהען ביז'ן קומענדען ספרינג סיזאן. ביז יעצט האט זיך דער סטרייק געשטיצט אויף דער הילף וואס זיי האבען געקראגען פון דער אינטערנעשאנאל און פון די ארטיגע ארגאניזאציעס. אצינד אבער זיינען זיי געצוואונגען צו ווענדען זיך צו אונז נאך הילף, און זיי האפען אז אונזער דזשאינט באארד מיט זיינע אנגעשלאסענע לאקאלען וועלען זיי געבען די נויטיגע הילף.

ברודער נאגלער מאכט אויפמערקזאם די דעלעגאטען אויף דער ערנסטקייט פון דער סטרייק סיטואציע אין לאס אנדזשעלאס און ער אפעלירט צו אלע לאקאלען, זיי זאלען שטיצען די בראווע סטרייקערס מיט דער פולער האנד, אפגעזעהן דערפון וואס דער דזשאינט באארד, אלס א גאנצער, וועט טאן זיין טייל אין דיזען הינזיכט.

עס ווערט דאן באשלאסען איבערצואווייזען דיזען אפיעל צו דער פינאנץ קאמיטע.

ברודער גיטלין ערקלערט אז ער איז אינפארמירט געווארען אז א געוויסער לאקאל האט ניט אויסגעפאלגט דעם באשלוס פון דזשאינט באארד, וועגען אריינגעבען זייערע נייע יוניאן ביכלאך אין דזשאינט באארד דיוס דעפארטמענט. ער וויל דארום וויסען אויב דיזע אינפארמאציע איז ריכטיג.

ברודער אשפיז באשטעטיגט דיזע אינפארמאציע. ער ערקלערט אבער אז ער האט אויפגענומען דיזע פראגע מיט די גענעראל באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל און ברודער שלעזינגער האט באזוכט די עקזעקוטיוו באארד פון דעם באטרעפענדען לאקאל און זיי אויפגעפאדערט אז זיי זאלען אויספאלגען דעם באשלוס פון דזשאינט באארד. דער עקזעקוטיוו באארד האט פארשפראכען פארצולייגען דיזע פראגע פאר זייערע מיטגלידער ביי דעם קומענדען מעמבער מיטינג. דערוויל איז ברודער שלעזינגער געווען געצוואונגען, צוליב זיין קראנקהייט, צו פארלאזען ניו יארק און די פראגע איז געבליבען אומערלידיגט. אזוי ווי ברודער שלעזינגער וועט צוריקקומען, וועט ער אהן צווייפעל געבען דיזע אנגעלעגענהייט די נויטיגע אויפמערקזאמקייט.

דערמיט ווערט דער מיטינג געשלאסען.

מיט אכטונג,
מארים י. אשפיז,
סעקרעטער־טרעזשורער.

מיט דער ניו יארקער דזשאינט באארד פון דרעס און וויסט מאכער

פון א. קריוועלא, סעק.־טרעזשורער.

א רעגעלער מיטינג פון דרעס דזש. באארד איז אפגעהאלטען געווארען מיט־וואך דעם 29טען אקטאבער, אין קאונסיל רום פון לאקאל 22, 60 וועסט 35טע סטריט, מיט ברודער וואסילעווסקי אלס פארזיצענדער.

די פראטאקאלען פון דעם דזשאינט באארד מיטינג פון אקטאבער דעם 22־טען און פון דעם באארד אוו דירעקטאר מיטינג פון אקטאבער דעם 27טען, איז פארגעלעזען און אנגענומען געווארען.

ביים מיטינג פון באארד אוו די־רעקטארס האט ברודער האכמאן, דער דזשענעראל מענעדזשער, באריכטעט אז לויט דעם באשלוס פון דער „באארד", האט ער גערופען א מיטינג פון די לא־קאל מענעדזשערס. אויסהערענדיג א באריכט וועגען די קאסטען פון דעם אר־גאניזאציאנס קאמפיין האבען די לאקאל־מענעדזשער באשלאסען צו באוויליגען נאך א סומע געלט צום ארגאניזיישאן פאנד.

דער דזשענעראל מענעדזשער האט אויך אין קורצען באריכטעט וועגען דעם צווייטען קאנפערענץ וואס דער אומפאר־טייאישער טשערמאן האט גערופען און האט ערקערט, אז דער סכסוך צווישען די דזשאבערס און קאנטראקטארס איז אזוי גוט ווי געשליכטעט. ביידע אסא־סיאיישאנס האבען איינגעשטימט אויפ־צונעמען זייערע צוויסטיגקייטען, און זיי ביסלאכוויז סעטלען.

אין באצוג צו דער פאדערונג פון דער קאנטראקטארס אסס'ן, אז זייער אגרימענט זאל געענדערט ווערען אזוי, אז עס זאל איינגעשלאסען ווערען 18 פונקטען וועלכע געפינען זיך אין דעם אגרימענט מיט דער אפיליאייטעד אסא־סיאיישאן, שטיצען זיי זיך אין זייער פאדערונג אויף א פונקט אין זייער אג־רימענט, וועלכען זיי טייטשען אויס אז עס גיט זיי דאס רעכט צו פאדערען ענ־דערונגען.

די פראגע איז איצטער אין די הענט פון דעם אימפארשעל טשערמאן.

דעם מענעדזשער'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

דער סעקרעטער טרעזשורער באריכ־טעט אז די לאקאלען 22 און 89 האבען שוין איינגעצאהלט די עקסטרא סומען געלט וואס זיי האבען געדארפט ביי־שטייערען אויף זייער חלק צום ארגאני־זאציאנס־פאנד, און אז מען האט איהם געמאלדען אז די טשעקס פון לאקאל 10 זיינען שוין אויסגעמאכט געווארען און ער וועט זיי מארגען ערהאלטען. אויך לאקאל 35 האט אריינגעשיקט א טשעק.

דער באריכט פון סעקרעטער ווערט גוטגעהייסען און דערמיט האט זיך דער מיטינג פון די באארד אוו דירעקטארס געשלאסען.

ברודער ס. ציפעס, סעקרעטער פון דער פינאנס קאמיטע, האט דאן פארגע־בראכט רעקאמענדאציעס פון דער קאמי־טע וועגען שטיצען איניגע ארגאני־זאציעס. די רעקאמענדאציעס זיינען גוטגעהייסען געווארען פון דער דזשאינט באארד.

דזשענעראל מענעדזשער האכמאן האט דאן געגעבען א קורצען איבערבליק איבער דער איצטיגער לאגע אין טרייד. ארבייט איז איצט דא זייער ווייניג. א גרויסע צאהל קאנטראקטארס געהען ארויס פון ביזנעס צוליב דעם שטיל־שטאנד אין דער אינדוסטריע.

ער האט דאן באריכטעט אז די צוויי מאנופעקטשורערס, מ. גרינבערג פון דער „ראוועגאו דרעס" און מ. א. לאוע דרעס, האבען געלאזט וויסען אז זיי געהען אויפגעבען די שעפער און ווערען דזשא־בערס. ברודער סטאלער, מענעדזשער פון דעם „אפיליאייטעד דעפארטמענט" פון דער יוניאן, פאסט אויף אויף די ביידע קייסעס און די געהעריגע מיטלען וועלען אנגענומען ווערען. האכמאן האט אנגעוויזען אויף דער אנטשיידונג פון אומפארטייאישען טשערמאן אין די קיי־סעס פון דער „פירלעס" און די „פאלי־מעיד" פירמעס, ווען יענע האבען גע־וואלט אויפגעבען די אינסייד שעפער און ווערען דזשאבערס, אלס אויף א פרעצעדענט אין די איצטיגע פאלען.

דעם מענעדזשער'ס באריכט איז אנ־גענומען געווארען. דערמיט האט זיך דער מיטינג געשלאסען.

ביים צווייטען מיטינג פון דער דרעס דזשאינט באארד, וואס איז אפגעהאלטען געווארען דעם 5טען נאוועמבער, איז בא־ריכטעט געווארען, אז ביים מיטינג פון די באארד אוו דירעקטארס, וואס איז אפגעהאלטען געווארען מיט צוויי טעג פריהער, איז ערשינען א קאמיטע פון די ארבייטער פון דער מ. א. לאוע דרעס, און פארלאנגט פון דער יוניאן צו נעמען א שטעלונג געגען דער פירמע וועלכע האט זיי אויסגעשלאסען פון דער אר־בייט, און זעהן אז זיי זאלען צוריק קרי־גען זייערע פלעצער.

נאך א לאנגע דיסקוסיע איז באשלא־סען געווארען צוריקשיקען די אנגעלע־גענהייט צום אפיס אז עס זאל געמאכט ווערען נאך א פרואוו צו פארהאנדלען מיט דער פירמע און שליכטען דעם סכסוך איידער עס ווערען אנגעווענדט אנדערע מיטלען.

עס איז אויך ערשינען א קאמיטע פון די ארבייטער פון דער „ראוועגאו דרעס". זיי האבען געפאדערט אז די יוניאן זאל ערקלערען א סטרייק געגען דער דאזיגער פירמע, וועלכע האט זיי אויסגעשלאסען פון דער ארבייט. אויך די פראגע איז איבערגעשיקט געווארען צום אפיס מיט פולמאכט צו רופען א סטרייק ווען נויטיג.

דזשענעראל מענעדזשער האכמאן האט דאן באריכטעט אז אין באצוג צו די צוויי שעפער האט ער גערופען א מיטינג פון די לאקאל מענעדזשערס צו באקענען זיי מיט דער לאגע די הער־שענדע מיינונג ביי דעם מיטינג איז געווען — האט האכמאן ערקלערט — צו מאכען יעדען פרואוו צו סעטלען די דאזיגע קלאגען אויף א פרידליכען אופן איידער א סטרייק ווערט גערופען. ברו־דער הארעצקי, אסיסטענט מענעדזשער פון לאקאל 10, האט זיך דאן געזעגען מיט מר. לאוע און יענער האט איהם אפען געזאגט אז ער האט באשלאסען צו ווערען א דזשאבער צוליב עטליכע אר־בייטער פון דעם שאפ, וועלכע ער גלייכט ניט און וויל זיי ניט האבען.

ברודער הארעצקי'ס באמיהונגען הא־בען זיך ניט איינגעגעבען. אפילו זיין פאר־זוך צו קריגען א באלאהנונג פאר די אר־בייטער, וועלכע דער באס וויל ניט הא־בען, איז אנטזאגט געווארען פון דער פירמע און די יוניאן האט אריינגעגעבען א קלאגע צו דער אססאסיאיישאן געגען ערלייבען דיזער פירמע און דער „רעווע־נאו" צו ווערען דזשאבערס.

ביים מיטינג פון דזשאינט באארד האט ברודער האכמאן באריכטעט, אז דער סכסוך מיט מ. א. לאוע האלט ענדליך ביים געסעטעלט ווערען. די פיר־מע האט שוין אויפגעגעבען איהר פאר־לאנג צו ווערען א דזשאבער און וועט ווייטער אנהאלטען דעם שאפ. וואס אמ־באלאנגט די „רעווענאו דרעס" איז עס געווען אוממעגליך צו סעטלען פרידליך. די ארבייטער פון דעם שאפ וועלען דע־ריבער גערופען ווערען צו א מיטינג און דער שאפ וועט ערקלערט ווערען אין סטרייק.

ביים לעצטען מיטינג פון דער באארד אוו דירעקטארס איז פארגעלעזען געווא־רען א צושריפט פון ברודער דזש. ז. טהאמאס, טשערמאן פון דער גריוועגס קאמיטע, ציהענדיג די אויפמערקזאמ־קייט פון דער דזשאינט באארד צו דעם וואס די פארטרעטער פון לאקאל 10 און 35 קומען זעלטען צו די מיטינגען פון דער קאמיטע, עס זיינען בלויז אנוועז־זענד די פארטרעטער פון די לאקאלען 22 און 89. ווען א גאנצער שאפ ווערט אנגעקלאגט פאר דער גריוועגס באארד, ערשיינען זייער זעלטען פאר דער קא־מיטע די אנגעקלאגטע מעמבערס, וועל־כע באלאנגען צו לאקאל 10 און 35, ווייל זיי ווערען גע'משפט באזונדער פון זייע־רע אייגענע לאקאלען. די קאמיטע פיהלט אז ווען עס איז דא אן אלגע־מיינע קלאגע וועלכע איז געגען דעם גאנ־צען שאפ, דארפען אלע גע'משפט ווערען פון דער דזשאינט באארד גריוועגס קא־מיטע, אומגעאכטעט צו וועלכען לאקאל דער איינצעלנער מעמבער באלאנגט, און די מיטגלידער פון דער גריוועגס קא־מיטע פון אלע לאקאלען דארפען אטענ־דען צו די מיטינגען.

די באארד אוו דירעקטארס האט בא־שלאסען צו אָרדערען דעם סעקרעטער אז ער זאל לאזען וויסען די באטרעפענדע לאקאלען אז זייערע מיטגלידער אין אזעלכע פאלען דארפען גע'משפט ווערען ביי דער דזשאינט גריוועגס קאמיטע און זיי אויפפאדערען צו זעהן, אז זייערע פארטרעטער אויף דער קאמיטע זאלען אנוועזענד זיין ביי די זיצונגען.

ברודער טשארלי מארגאליס, טשער־מאן פון דער פינאנס קאמיטע, האט דאן אריינגעבראכט איניגע רעקאמענ־דאציעס און האט אויך פארלאנגט אז עס זאל גערופען ווערען א מיטינג פון לאקאל מענעדזשערס צוזאמען מיט דער פינאנס קאמיטע אויפצונעמען איניגע פינאנציעלע אנגעלעגענהייטען. די רע־קאמענדאציעס פון דער פינאנס קאמי־טע און זייער פארלאנג זיינען גוטגע־הייסען געווארען.

דערמיט האט זיך דער מיטינג גע־שלאסען.

רעינקאוט מאכער יוניאן

לאקאל 20, א. ל. ג וו. י.

אויפמערקזאם!

פאלגענדע מעמבערס זיינען נאמינירט געווארען אלס בעאמטע (בעצאהלטע און ניט באצאהלטע) פאר'ן יאהר 1931.

פאר מענעדזשער

א. אלטשולער, ד. גיננאלד, ג. לעוויט, ס. אלינסקי, מ. פאלינסקי, מ. ראפאפארט, ס. סאראף.

פאר סעקרעטער־טרעזשורער

ס. פרידמאן, ג. לעוויט, ד. מייסאן, ס. אלינסקי, פ. קורינסקי, מ. פאלינסקי, מ. פאסטערנאק, ס. סאראף

פאר טשערמאן

ה. גראעווסקי, ד. מייסאן, ס. סאראף, ב. ווייסעלבערג.

פאר וויס־טשערמאן

דזש. קעסלער, ד. מייסאן, ה. פאזנער, דזש. ווארשאווסקי.

פאר עקזעקוטיוו באארד מעמבערס

א. אלטשולער	ס. פיינגאלד	ג. לעוויט	מ. ראטענבערג
מ. אלבום	ה. גראסמאן	דזש. ליפמאן	א. ב. סיימאן
			מ. שליפער
מ. אלעניק	וו. גאלוב	ב. ליינער	דזש. סלאדאוויטש
ק. אלטמאן	כ. גודקינד	ד. מייסין	מ. זיסקונד
נ. אייבראמס	ה גרין	ס. מאסס	ב. סקאלקער
דזש. באומאן	ה. גראעווסקי	איזי מארקאוויטש	ב. שוועהר
ב. בעבעל	ל הורוויץ	נ. נענקין	ס. סאראף
נ. בערנער	ס. אימערמאן	בוירט אליסקי	ל. טענענבוים
ב. בערגער	ג. קארפ	א. פארסאף	ל. טאבאניק,
ח. קופער	מ. קאפלאן	ה. פיקוס	פ. טאבאק
ב. דונעפסקי	דזש. קעסלער	י. פאסטערנאק	דזש. וויינבוים
ה. דונעפסקי	פ. קורינסקי	ה. פויזנער	דזש. ווייסעלבערג
פ. דאגלין	י. קליין	ס. ראטשילד	ז. וויגער
נ. פרידמאן	א. ליוויי	י. ראזענסטיין	מ. ווארשאווסקי
ס. פישער	מ. ליוויי	מ. ראפאפארט	ל. זימערמאן

אלע אויבענדערמאנטע קאנדידאטען מוזען ערשיינען פאר דער אבדזשעקשאן און עלעקשאן קאמיטע שבת, דעם 22טען נאוועמבער, 9 אזייגער אין דער פריה, אין אפיס פון דער יוניאן, 3 וועסט 16טע סט.

זיי וועלען גערופען ווערען לויט דער רייהע פון איי בי סי.

די יעניגע וואס וועלען ניט ערשיינען בעפאר דער קאמיטע וועלען זייערע נעמען ניט ארויפגעשטעלט ווערען אויפ'ן באלאט.

מעמבערס וועלכע האבען וועלכע ס'איז אבדזשעקשאנס געגען וועמען פון די אויסגערעכענטע נעמען, זיינען געבעטען צו ברענגען זייערע אבדזשעקשאנס שריפטליך ניט שפעטער ווי ביז שבת, 9 אזייגער אין דער פריה. זיי וועלען דארפען ערשיינען בעפאר דער קאמיטע.

עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע
רעינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20

סאל בערקאוויטש, טשערמאן. ישראל קליין, סעקרעטער.

פרעסערס פון דרעסעס און קלאוקס

זאגט אן אייערע באסעס אז דער פייער דעפארטמענט האט געמאכט א געזעץ דאס קיין ווייער־ברעטלאך טאר ניט ווערען צוגע־שלאגען אויף א האלץ אדער אנדערע ברענענדע שטאפען, עס מוז זיין דורך אוים פייער־פרוף.

מיר האבען אויפגעפיקסט אונזערע ווייער ברעטלעך צו פרעסען וועלוועט, פלאש און אויך אלע אנדערע האריגע ווארע ריכטיג נאך דעם פארלאנג פון דעם פייער דעפארטמענט.

אויב איר האט אין שאפ די אלטע סטיילס וועלכע זיינען צוגע־שלאגען אויף האלץ קענען מיר עס פאר אייך פיקסען נאך דעם נייעם געזעץ און איהר וועט ניט האבען קיין טראבעל פון קיינע אינספעקטארס.

מיר פארקויפען אויך סטימערס נאך די נייע רולס פון דעם לייבאר דעפארטמענט.

מיר האבען אויך די בעסטע פינקינג מאשינס אין מארקעט.

די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעס באארד קאמפאני

321 פינפטע עוועניו, ניו יארק.
טעלעפאן גאגארדוס 0420־0421.

וואס הערט זיך אין דער פילאדעלפיער קלאוק מאכער יוניאן?

מאנופעקטשורערס פארלאנגען שטיק ארבייט. — די יוניאן ווייזט דאס צוריק. ענדליך פארלאנגען זיי א צווייטע קאנפערענץ.

פון סיימאן דאווידזאן, סעקרעטער פילאדעלפיא דזשאינט באארד

פון העלער הויט באריכטען אונז די אפיסערס ביי דעם לעצטען דזשאינט באארד מיטינג, אז די מאנופעקטשורערס פארלאנגען א קאנפערענץ. דער כאראקטער פון דער קאנפערענץ איז נישט באוואוסט.

כאטש מיר האבען נים קיין אגרימענט מיט אן אסאסיאיישאן, דאך האבען מיר איינגעשטימט צו געהן צו א קאנפערענץ אין שבת, דעם 15טען נאוועמבער, איז די קאנפערענץ אפגעהאלטען געווארען.

אין אנפאנג האט זיך ארויסגעוויזען, אז די מאנופעקטשורערס האבען אליין נים געוואוסט וואס זיי ווילען. אמווייניגסטענס האבען זיי נישט געהאט די מוט צו זאגען, אז זיי ווילען די צוריקקערונג פון סוועט־סיסטעם, פון שטיק־ארבייט. איין מאנופעקטשורער האט ערקלערט, אז ער וויל ארויסגעהן פון די ביזנעס. מיר קענען נאטירליך קיינעם נישט האלטען מיט געוואלט אין די ביזנעס. די מערסטע האבען געשריען, אז פראדוקציאנס־קאסטען זיינען צו הויך און עטוואס זאל געטאן ווערען ווענגען דעם.

ווי פיינליגגע האבען זיך די מאנופעקטשורערס נעדרעהט ארום דער פראגע, ביז די יוניאן פארשטעהער האבען פון זיי ארויסגעקראגען, אז זיי ווילען זיך צוריקקערען צום שטיק־ארבייט־סיסטעם. דאס, האט די יוניאן ערקלערט, וועט קיינמאל נים פאסירען און פאלגליך איז די קאנפערענץ געשלאסען.

איינזעהענדיג, אז די יוניאן מיינט „ביזנעס", אז אפילו מיט די איצטיגע ווידזשעס קען מען קיין לעבען נישט מאכען ביי די הויכע פרייזען אויף לעבענס־מיטלען, און אונזערע מעמבערס דארפען מאכען א לעבען ביי דער אינדוסטריע, וואו זיי ארבייטען, — פאלגליך איז גיטא קיין מעגליכקייט צו ענדערען דעם איצטיגען סיסטעם. פון ארבייט. האבען די באסעס פונדעסטוועגען פארלאנגט פון דעם טשערמאן פון דזשאינט באארד א צווייטע קאנפערענץ אין צען טעג שפעטער, וואו פלענער זאלען אויסגעארבייט ווערען. די יוניאן־פארטרעטער האבען ערקלערט די מאנופעקטשורערס, אז אויב פלענער, זאלען זיי עס ברענגען און דאן וועלען מיר זעהן וואס עס קען געטאן ווערען.

קלאוקמאכער יוניאן גיט 300 דאלאר פאר'ן לייבאר אינסטיטוט

דער לייבאר אינסטיטוט גיט ארויס א יעהרליכען בוך ווענען דעם וואס עס טוט זיך אין דער פילאדעלפיער ארבייטער באוועגונג. די געלדער פון בוך געהען פאר'ן לייבאר אינסטיטוט. אונזערע מעמבערס האבען זיך שעהן אפגערופען אויף דעם און די נעמען פון די וואס גיבען די געלט, וועלען ערשיינען אין בוך אונטער'ן טיטעל: „באגריסונגען פון דער קלאוקמאכער יוניאן". די שעפער וואס האבען אריינגעבראכט געלט זיינען: ערדעלסאן, פיינגאלד, ריטש און נעמזאן. די אנדערע שעפער, צוליב נים ארבייטען, האבען ליידער קיין געלט נים געבראכט. דער בוך אליין איז זעהר אינטערעסאנט, ווייל געוויסע ארטיקלען וועלען האבען עטוואס צו זאגען דארט.

לאס אנדזשעלעס קלאוקמאכער און דענוויל טעקסטיל סטרייקער ווערען געשטיצט

אונזער יוניאן, כאטש נישט זעהר רייך, האט זיך אפגערופען אויף דעם אפיל פון די לאס אנדזשעלעס קלאוקמאכער וואס סטרייקען נאך דארט, ווי אויך פאר די טעקסטיל סטרייקער פון דענוויל, ווירדזשיניא. ביידע סטרייקס זיינען שוין אלט עטליכע מאנאטען און הילף איז אם פלאץ.

גענאסע אלעקסאנדער בערקמאן'ס 60־יאהריגער יובילעאום

די דזשאינט באארד האט באשלאסען זיך אנצושליסען אין 60־יאהריגען יובילעאום פייערונג, וואס ווערט געמאכט פאר גענאסע אלעקסאנדער בערקמאן, וועלכער איז איצט אין פאריז. ער איז געווען אין אמעריקע 30 יאהר און האט געקעמפט פאר בעסערע באדינגונגען פון די ארבייטער־מאסען. עס ווערט ארגאנזשירט פון א גרופע מענשען פון פילאדעלפיא און ניו יארק.

אונזער יוניאן דענקט, אז אלעקסאנדער בערקמאן איז ווערט געעהרט צו ווערען. דער הויפט־צוועק פון דעם יובילעאום, וועלכער וועט אפגעהאלטען ווערען זונטאג, דעם 23טען נאוועמבער, איז צו שאפען א פאנד, אז גענאסע בערקמאן זאל קענען אנגעהן מיט זיין פראפאגאנדע און שרייבען, און נישט דארפען זארגען וועגען פרנסה.

עס איז איצט אייער הייליגער חוב אפצוהיטען די יוניאן באדינגונגען אין די שעפער, וואס זיינען אויסגעקעמפט געווארען דורכ'ן גענעראל סטרייק: קיין שבת ארבייט! קיין שטיק־ארבייט! נים א מינוט מעהר ווי 40 שעה ארבייט אין א וואך!

א בריף פון שיקאגא

ווערטער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט":

ערלויבט מיר א פאר ווערטער ווענען דעם באריכט פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד מיטינג, וואס עס איז געווען געדרוקט אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט". איך שטעל זיך אפ ווענען מיין באריכט וואס איך האב געמאכט ווענען שיקאגא. ערשטענס, ווייל איך זאגען, אז אבוואהל א גרויסער טייל פון מיין באריכט איז געווען ווענען די היגע קלאוק מאכער און ווענען שטיק ארבייט, האט זיך אבער א גאנץ גרויסער טייל פון מיין באריכט באצויגען ווענען די היגע דרעס מאכער און דעם קאמפיין וואס מיר פירען דא אן. מיר דוכט, אז איך האב באריכטעט, אז די שיקאגאער דזשאינט באארד פארלאנגט אז די אינטערנעשאנעל זאל איבערנעמען דעם קאמפיין און שיקען אהער אן ארגאנייזער, ווייל דער דרעס־טרייד צוואוואקסט זיך און אבוואהל עס איז א שלעכטער יאהר, פונעסטוועגען איז דא ביזי. איך האב אויך באריכטעט אז די צייט איז איצטער א גינסטיגע, אז מיר האבען ארגאניזירט ארום 95 פראצענט פון די קאטערס, וואס־ ארבייטען אין די ניט־יוניאן דרעס שעפער און אז דער פרעזידענט איז געווען א גאסט ביי זייערען א מיטינג און ער איז געווען איבערראשט צו זעהן אזא גוטען באזוכטען מיטינג פון ניי־ארגאניזירטע מעמבערס, און ריידענדיג ווענען דרעס טרייד, האב איך אויך באריכטעט ווענען אייניגע סטרייקס און אינדזשאנקשאנס און אינדייטמענטס. מיט איין ווארט, עס איז געווען א לאנגער באריכט און א שעהנע דעבאטע. עס איז באשלאסען געווארען אז ברודער דובינסקי, דער סעק־טרעזשורער, זאל באזוכען שיקאגא אין די נעקסטע 4—3 וואכען און מאכען די נויטיגע פלענער פאר דעם ווייטערדיגען אנגאנג פאר דעם קאמפיין. אלזא, איך האב נים ערווארטעט אז אין דער „גערעכטיגקייט" זאל זיין דער גאנצער באריכט. איך האב אבער אויך נים ערווארטעט אז עס זאל גארנים דערמאנט ווערען. עס האט געשאפען דעם איינדרוק ביי אונזערע דרעסמאכער, אז מיר אינטערעסירען זיך גארנים ווענען זיי. נאר אפשר איז נים געווען גענוג פלאץ אין דער „גערעכטיגקייט" אויך צו דרוקען דעם צווייטען טייל פון מיין באריכט, ווייל איך דא זאגען אז איך וואלט נים פאראיבעל געהאט ווען אין דער „גערעכטיגקייט" וואלט ווייניג געווען געדרוקט וואס דער און יענער האט געזאגט ווענען שטיק־ארבייט און אויף דעם פלאץ וואלט געדרוקט געווארען עטוואס ווענען די דרעסמאכער! ריידענדיג ווענען שטיק־ארבייט וויל איך דא זאגען אז אויך דער טייל פון מיין באריכט שטעלט מיר נים צופרידען ווי ער איז איבערגעגעבען אין דרוק. עפעס פיהלט זיך נים דער ערנסט. דער איינדרוק, וואס דער באריכט האט געמאכט אויף די מעמבערס פון דער באארד סיי ביים אויסהערען און סיי ביים דיסקוטירען! נים נאר ביי מיר, נאר ביי א סך פון אונזערע מעמבערס, וואס האבען געלעזען דעם באריכט, קומט אויס אז דער שרייבער מאכט דא די גאנצע זאך צו קליינגעלט, עפעס א טאן פון שפאס פיהלט זיך אין די ווערטער. עס מאכט דעם איינדרוק אז די שיקאגאער אפערייטארס, צוזאמען מיט מיר און אלע היגע בעאמטע, זיינען אזוי צושראקען געווארען פון די ארבייטסלאזיגקייט, אז מיר האבען זיך פשוט פארלארען און שלאגען פאר אזא נארישען מיטעל, ניט געדאכט זאל דאס ווערען.

דערפאר האט אבער דער באריכט זעהר א דראמאטישע ענדע. עס ענדיגט זיך אזוי: וויים־פרעזידענט ביאלים האט פרובירט ווייטער קעמפען, אבער ער־האט געוואוסט אז עס איז א פארלארענער קאמף! און אזוי קומט אוים, לויט נאך דעם באריכט, האט זיך געענדיגט אזא הויפט וויכטיגע פראגע אהן א באשלוס! איך מיין אז מען האט זיך נעדארפט באציען אביסעלע ערנסטער צו דער שיקאגאער לאגע. מיר שטעהען איצטער ערב דעם אויסגאנג פון אגרימענט מיט די באלעבאטים, דאס הייסט, דעם 30טען דיזען מאנאט ענדיגט זיך אונזער אפמאך. דיזע וואך געהען מ ר שוין צום דריטען מאל צו קאנפערענצען. די לאגע איז זעהר א פארשארפטע פון ביידע זייטען. עס קאן קומען צו א צוזאמענשטויס, דארום איז איבערהויפט איצט נים די צייט צו קליינגעלט מאכען וויכטיגע פראגען.

האפענדיג, אז איהר וועט דיזען בריף דרוקען אין דעם נעקסטער נומער „גערעכטיגקייט", פארבלייב איך מיט ברידערליכען גרוס,

מ. ביאלים,
וויים־פרעז. א. ל. ג. וו. י.

יוניאן נעמט ארונטער אין סטרייק ארבייטער פון וויכטיגען ווייט גודס שאפ

(שלוס פון זייט 1)

דאס דער ארונטערנעהן פון די ארבייטער פון'ם שאפ וועט איבערצייגען אלע מאנופעקטשורערס, אז די יוניאן איז ענטשלאסען צו ארגאניזירען דעם טרייד. ער ווענדעט אן אלע מיטלען צו קומען מיט די מאנופעקטשורערס צו א פארשטענדניס אויף א פרידליכען אופן, אבער אויב די מאנופעקטשורערס וועלען זיין איינגעשפארט וועלען נאך סטרייקס נערופען ווערען.

די פאליציי און די פירמע געהען דערוויי'ל אן מיט זייער געוועהנליכער טאקטיק פון פרובירען אפשרעקען די סטרייקער דורך ארעסטען און סטראשונגען. גלייך דעם ערשטען טאג פון דעם סטרייק האט די פאליציי ארעסטירט 5 פיקעטס. דער פאלים קאמישאנער האט אויך געלאזט רופען שאר'ען צו זיך אין אפיס איהם צו זאגען, אז ער האט קלאגען נעגען די פיקעטס. ברודער שאר האט איהם ערקלערט, אז די יוניאן טוט בלויז וואס עס איז איהר ערלויבט צו טאן געזעצליך, און אז דאס פיקעטען וועט פארטגעזעצט ווערען ביי דער פירמע דזש. נ. לעווין און אויך ביי אלע אנדערע פירמעס, וואו עס וועט זיין נויטיג.

דער סטרייק שטעהט אין א גוטען צושטאנד. אלע קאטערס און די מעהרצאהל ארבייטער פון שאפ זיינען ארונטער אין סטרייק. דער קאטערס לאקאל 10 העלפט דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין און די יוניאן האפט, אז זי וועט האבען ערפאלג אין קאמפיין צו ארגאניזירען דעם טרעיד און אויפלעבען די יוניאן.

א. שניידער, מענעדזשער פון לאקאל 62; מערי נאף, ארגאנייזערין, און פאלינמאן, פון דער קאטערס יוניאן, גיבען זיך ספעציעל אפ מיט'ן סטרייק.

א געזעגנונגס־בריף צו די טאראנטאר קלאוק און דרעס מאכער

פון א. קירזנער, וויים־פרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

שוועסטער און ברידער!

ווי שוין באקאנט פאר אייך, האט דער לעצטער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד מיטינג באשלאסען אנצופאנגען אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין צו ארגאנירען די קלאוקמאכער אין וויניפעג, און מיט דער גוטהייסונג פון דער טאראנטא דזשאינט באארד בין איך באשטימט געווארען אלס דער ארגאנייזער.

זאגענדיג אייך א זיי־געזונט, וויל איך, אז איהר, שוועסטער און ברידער, זאלט אלע מאל זיין אויף דער וואך און אפהיטען אייער יוניאן. צופיל שווערע ארבייט, צופיל ענערגיע און מיה איז אוועקגעלייגט געווארען, איידער עס איז געלונגען אויפצובויען די יוניאן. איהר האט א לענגערע צייט געארבייט אונטער אפען שאפ באדינגונגען, געווען א שפילצייג אין די הענד ביי אייערע ארבייטסגעבער, איהר האט גיט געהאט ווער עס זאל אייך באשיצען. איצט האט איהר א יוניאן, א שטארקע יוניאן, וואס קען און איז גרייט אלע מאל אייך צו באשיצען. האלט אייער יוניאן טייער.

איך פאהר קיין וויניפעג מיט דער אבזיכט צו ארגאניזירען די קלאוקמאכער. איך האף, אז איך וועל זיין ערפאלגרייך אין מיין ארבייט. און איהר וועט הערען גוטע נייעס, אז אויך די קלאוקמאכער אין וויניפעג זיינען ארגאניזירט.

איך וויל האפען, זייענדיג אין וויניפעג, וועל איך באקומען גוטע גרוסען פון אייך, אז די יוניאן פראגרעסירט און אייערע פארדינסטען ווערען באדייטענד פארגרעסערט. דאס וועט מיר געבען אינספיראציע אנצוגעהן מיט מיין ארבייט אין וויניפעג.

איך וויל אויך ביי דער געלעגענהייט באדאנקען אלע טוער פון דער יוניאן, וואס האבען מיר געהאלפען אין דער ארבייט דורכצופיהרען דעם ערפאלגרייכען דזשענעראל סטרייק. אהן דער אפפער ווילינקייט פון די אקטיווע טוער וואלטען מיר דעם ערפאלג נים געהאט. די צאהל פון זיי איז צו גרויס, און איך בין נישט אימשטאנד יעדען איינעם אויסצורעכענען באזונדער.

נעמט צו מיין הארציגען זיי־געזונט. היט אפ אייער יוניאן. געהט אלע מאל פארווערטס און פארווערטס, פאר א שעהנערען און בעסערען לעבען.

איצט א ווארט צו די דרעסמאכער. איהר האט איצט א געלעגענהייט נאכצופאלגען די קלאוקמאכער. די אינטערנעשאנאל האט באשלאסען אייך צו ארגאניזירען. עס ווערט איצט אנגעפירט דער קאמפיין. שליסט זיך אן אין דער יוניאן! ווערט מעטיג! ווארפט זיך אריין אין דער ארבייט! בויעט אייער יוניאן! או עס וועט נים נעמען לאנג און איך וועל הערען די גוטע נייעס, אז אויך די דרעסמאכער האבען אויפגעבויט א שטארקע און מעכטיגע יוניאן.

פרעז. שלעזינגער פארברייננט עטליכע טעג אין ניו יארק

(שלוס פון זייט 1)

וואלזיין", וואס ווערט דארט אפגעהאלטען היינטיגע וואך און וואו פראמינענטע פערזענליכקייטען פון אלע געזעלשאפטליכע קרייזען זיינען פארטראטען.

פרעזידענט שלעזינגער האט אויך ערהאלטען א ספעציעלע איינלאדונג פון דיסטריקט אטורני קריין צו א קאנפערענץ היינטיגען דאנערשטאג ווענען דעם איבעל פון „רעקעטירינג", פון וועלכע ניו יארק ליידעט. צו דער קאנפערענץ זיינען געלאדען 50 פראמינענטע בירגער פון שטאדט.

ווי די דאקטוירים ערקלערען, איז כאטש ברודער שלעזינגער'ס געזונטסצושטאנד אין פיל פארבעסערט, מוז ער נאך אבער האבען אייניגע וואכען רוה. ער וועט זיך דעריבער מוזען צוריקקערען אין די מאונטעינס און דארט פארברייגגען נאך אייניגע וואכען.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ״ז. 6.)
און מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. XII. No. 27 | Jersey City, N. J., Friday, Dec. 5, 1930 1930 | פרייטאג, 5-טער דעצעמבער, | PRICE 3 CENTS

נעמט ניט קיין טשעקס פאר אייערע ווייזשעס!

איך וויל נאך אמאל ווארנען אלע קלאוקמאכער, און איבערהויפט די וועלכע ארבייטען ביי קאנטראקטארס, ניט אנצונעמען קיין טשעקס פאר זייערע שכירות.

עס פאסירט פילע מאל, אז די טשעקס קומען צוריק אלס ניט גוט און די יוניאן האט גרויסע שוועריגקייטען איינצומאנען דאס געלד פאר די בעל מלאכות. לויט אונזער אגרימענט, מוזען די ארבייטער קריגען אויסגעצאהלט זייערע ווייזשעס אין קעש. זיי דארפען באשטעהן אויף דעם דאזיגען רעכט און זיך אנטזאגען צו נעמען טשעקס.

די קלאוקמאכער ווערען אויך געווארענט ניט צו ווארטען אויף זייער „פיי" נאך דעם באשטימטען טאג, אין וועלכען זיי קריגען געוועהנליך אויסגעצאהלט זייערע ווייזשעס. אויב דער באס באצאהלט ניט זייערע שכירות אין דעם באשטימטען טאג דארפען זיי זיך גלייך ווענדען צו דער יוניאן, אום מיר זאלען גלייך קענען אריינברענגען א קלאגע אין דער אסאסיאיישאן און אויפמאנען די געלד. ווען עס געהט פאראיבער א וואך איז נאך דעם זעהר שווער דאס געלט איינצומאנען.

מיר ווארנען די קלאוקמאכער נאך אמאל: ריזיקירט ניט מיט אייער שווער פארהארעוועט געלט!

איזידאר נאגלער,
דזשענעראל מענעדזש. קלאוק מאכער דזשאינט באארד.

פרעז. שלעזינגערס ערקלערונג וועגען „רעקעטירינג" אין דער פרויען קליידער אינדוסטרי

די ערקלערונג האט פרעזידענט שלעזינגער געמאכט ביי דער קאנפערענץ פון פראמינענטע בירגער, וועלכען דיסטריקט אטוירני קרעין האט צוזאמענגערופען צו בארטהען זיך וועגען אויסראטען די „רעקעטירינג" מגפה, וועלכע האט זיך אזוי שטארק פארשפרייט אין ניו יארק.

פרעזידענט בענדזשאמין שלעזינגער האט ארויסגעגעבען דעם פאלגענדען סטעיטמענט וועגען רעקעטירינג (געלט אויספרעסונג) וואס עס גייט אן אין דער פרויען-קליידער אינדוסטרי, ביים קאנפערענץ פון אן אנצאהל פראמינענטע בירגער וואס דיסטריקט אטוירני קרעין האט צוזאמענגערופען פאר צוויי וואכען, און צו וועלכען ער האט איינגעלאדען פרעזידענט שלעזינגער׳ן

„דער וואוקס פון „רעקיטירינג" אין ניו יארק אין די לעצטע עטליכע יאהר, — זאגט פרעזידענט שלעזינגער אין זיין סטעיטמענט, — האט זיך פארשפרייט אויך אין דער פרויען-קליידער אינדוסטרי. עס ווערט צוגעגעבען פון אלע זייטען, אז א גוט ארגאניזירטע באנדע" האט ארויסגעצויגען יעהרליך ריזיגע סומען געלט פון א גרויסע צאהל מאנופעקטשורערס פון פרויען-קליידער.

דער „רעקעט" אין ציטען פון אינדוסטריעלען פרידען, ארבייט כמעט אויסשליסליך צווישען די ניט-יוניאן באלעבאטים אין דער אינדוסטרי. צו אזוינע פירמעס פארשפרעכען ווארשיינליך די „רעקעטירס" צו באשיצען זיי און פארזיכערען אז די יוניאן וועט ניט מאכען קיין פארזוך צו ארגאניזירען זייערע שעפער, אויב זיי וועלען זיי צאהלען א געוויסע סומע געלט. אין קלאוקטרייד, וואו די צאהל פון ניט-יוניאן

(שלוס אויף זייט 4)

באריהמטע ארבייטער קעמפערין „מאדהער" דזשאנס געשטארבען.

די באריהמטע ארבייטער קעמפערין „מאדהער" דזשאנס, וועלכע איז אלט געווען איבער הונדערט יאהר און איז באריהמט געווען איבער דער גאנצער וועלט פאר איהר מוטיגען אונערשראקענעם קאמף פאר די אמעריקאנער ארבייטער, איז לעצטען מאנטאג פארטאג געשטארבען אין סילווער ספרינג, מד.

„מאדהער" דזשאנס אמת׳ער נאמען איז געווען מערי הערים דזשאנס. איר פאטער איז געווען א רעוואלוציאנער, וועלכער האט געמוזט אנטלויפען פון איירלאנד אום זיך צו ראטעווען דעם לעבען, און די יונגע מערי איז אהער

(שלוס אויף זייט 9)

שיקאגאער קלאוקמאכער שטימען געגען א סטרייק אין די דארטיגע שעפער

216 האבען געשטימט פאר א סטרייק און 514 געגען. — די שטעלונג פון דער גענעראל-עקזעקוטיוו-באארד געגען שטיק ארבייט בלייבט ניט געענדערט. — דער פארשלאג פאר א 25 דאלאר טעקס איז אויך נידערגעשטימט געווארען.

אין א רעפערענדום אפשטימונג וואס די שיקאגאער קלאוק מאכער דזשאינט באארד האט דורכגעפירט דינסטאג, דעם 25טען נאוועמבער, וועגען דער פראגע, אויב מען זאל רופען א גענעראל-סטרייק אין די דארטיגע שעפער אויב די מאנופעקטשורערס וועלען זיך איינשפארען און פארלאנגען שטיק-ארבייט, האט א מאיאריטעט מיטגלידער געשטימט געגען רופען א סטרייק. 216 שטימען זיינען אפגעגעבען געווארען פאר א סטרייק און 514 האבען געשטימט געגען רופען א סטרייק.

אויך די פראגע אויב עס זאל ארויפגעלעגט ווערען אן אסעסמענט פון 25 דאלאר אויף יעדען מעמבער צו פינאנסירען דעם סטרייק איז נידערגעשטימט געווארען מיט 200 שטימען פאר אן אסעסמענט און 332 דאגעגען.

דער דזשענעראל אפיס האט ערהאלטען א באריכט אז די שיקאגאער דזשאינט באארד ארבייט איצט אויס נייע באדינגונגען פאר אן אגרימענט צום אונטערהאנדלען מיט די בעלי בתים.

די אפשטימונג פון די שיקאגאער קלאוק מאכער, וועלכער שיינט צו עפענען דעם וועג פאר דער איינפיהרונג פון שטיק-ארבייט אין די דארטיגע שעפער, האט אויף קיין איין האר ניט געענדערט די שטעלונג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל, ווי דאס איז פארמולירט געווארען ביים פערטעל-יעהרליכען מיטינג פון דער באארד, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין אקטאבער. ביים סוף פון יענעם מיטינג האבען די גענעראל-בעאמטע געלאזט וויסען דער שיקאגא דזשאינט באארד, אז שטיק-ארבייט איז געגען דער פאליסי פון דער אינטערנעשאנאל, און די דזשענעראל-עקזעקוטיוו באארד, איז אנטשידען געגען בייטען דעם סיסטעם פון וואך אויף שטיק-ארבייט אין וועלכען עס איז מארקעט.

וואהלען פאר בעאמטע און עקזעקוטיוו באארדס אין די ניו יארקער אינטערנעשאנאל לאקאלען אין פולען שוואונג

אין פילע לאקאלען פון דער אינטערנעשאנאל אין ניו יארק קומען איצט פאר די יעהרליכע וואהלען פאר בעאמטע.

אין די אלע קלאוקמאכער לאקאלען ווערען איצט ערוועהלט לאקאלע בעאמטע, ביזנעס-אגענטען, עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער און עס ווערט געשטימט פאר דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד. דער איינציגער קאנדידאט פאר דעם אמט איז דער איצטיגער דזשענעראל מענעדזשער, ברודער איזידאר נאגלער.

אין דער פינישערס יוניאן לאקאל 9 זיינען די וואהלען פארגעקומען דאנערשטאג, דעם 20טען נאוועמבער. אין די וואהלען האבען זיך באטייליגט קארגע צוויי טויזענד מעמבערס — א גרויסע צאהל שטימען פאר דעם לאקאל. עס זיינען ערוועהלט געווארען ג. קורצמאן אלס מענעדזשער מיט 1139 שטימען, לואיס קויפמאן אלס טשערמאן מיט 926 שטימען. אלס ביזנעס איידזשענטס זיינען ערוועהלט געווארען: עטקין, בערקאוויטש, וואלאך, פייערשטיין, סאלצבערג, מילער און קאהען. פאר דער עקזעקוטיוו באארד זיינען ערוועהלט געווארען: סעם בערמאן, פרענק בלומענקראנץ, סאלאמאן גאלדשטיין, מייק נאלדאווסקי, פאולין קאהען, אייזיק קאנער, מעקס ראבקין, מאריס בלאך, העני נארדנער, נאטי האלפערן, מאריס קאפלאן, פיליפ הערמאן, מעקס גילטענבערג, עליאס גאלדמאן, לואיס נאטליב, מאריס יאנאוויץ, מיכעל קיפניס, בארנעט ראזענבערג, היימאן ניומאן, העני קארפ, אייב ראסקין, נייטהען ליס, סעם בערנער און פיליפ קאהען.

אין פרעסערס לאקאל 35 זיינען די וואהלען פארגעקומען דינסטאג, דעם 2טען נאוועמבער. די וואהלען האבען ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס צווישען די מעמבערס און א גאר גרויסע צאהל מיטגלידער זיינען געקומען

(שלוס אויף זייט 12)

פראמינענטע קאמיטע שלאגט פאר ליוטענאנט גאווערנאר לעהמאן אלס פארמיטלער אין ליידיס טעילארס סטרייק

קאמיטע באשטעהט פון איינפלוסרייכע בירגער מיט דזשיימס מארשאל אלס פארזיצענדער. — פאדערט אויף ביידע צדדים צו באשטימען צייט פאר א קאנפערענץ. — דזשענעראל-סעק. דובינסקי נעמט אן די איינלאדונג פאר דער אינטערנעשאנעל.

קאמיטע פון 59 פראמינענטע בירגער פארעפענטליכען א שטארקען אפיעל צו שטיצען די סטרייקערס

נאך א פארזוך צו סעטלען דעם פארצויגענעם סטרייק פון די ליידיס טיילארס געגען די באסעס פון דער „קוטוריערס אסאסיאיישאן" איז די וואך געמאכט געווארען פון א סאב קאמיטע פון פראמינענטע בירגער, אונטער דעם פארזיץ פון דזשיימס מארשאל.

די סאב קאמיטע איז א טייל פון דער עמוירדזשענסי קאמיטע פון 59 פראמינענטע מענשען, וועלכע האבען זיך מיט א וואך צוריק ארגאניזירט מיט׳ן צוועק צו העלפען די סטרייקענדע ליידיס טיילארס. זיי שלאגען פאר, אז ביידע צדדים, די יוניאן און די אסאסיאיישאן זאלען זיך פארלאזען אויף אן אומפארטייאישער קאמיטע אונטער דער פיהרערשאפט פון ליוטענאנט-גאווערנאר לעהמאן, אז זי זאל אויסגלייכען צווישען זיי די צוויסטיגקייטען און סעטלען דעם סטרייק.

די סאב קאמיטע האט נעכטען ארויסגעשיקט אן אנפראגע צו פרעזידענט שלעזינגער פון דער אינטערנעשאנעל, דרעיזין, מענעדזשער פון דער טיילארס יוניאן לאקאל 38, און צו דער קוטוריערס אסאסיאיישאן, אויף ווען זיי קענען ארראנזשירען א קאנפערענץ זיך דורכצורעדען וועגען זייער פארשלאג.

אין דעם בריעף ווייזט די קאמיטע

(שלוס אויף זייט 2)

סטרייקענדע לעדיס טעילארס פאנגען אן ניינטע וואך פון קאמף

(שלוס פון זייט 1)

סען פון פרידען. די פיהרער פון דער אסאסיאיישאן אבער האבען נאך איינינע טעג צענגערען, אנטזאגט אנצונעמען דעם פארשלאג פון מיס פוירקינס.

די דאזיגע האנדלונג פון די באסעס האט קלאר באוויזען פאר דער עפענטליכער מיינונג וואס די באסעס זיינען אין דער אמת'ען אויסען. עס איז פאר אלעמען קלאר געווארען, אז עס איז אייגענטליך ניט קיין סטרייק פון די ארבייטער, נאר א לאק-אוט פון די באסעס. און די ארבייטער האבען דורך דעם געוואונען די אלגעמיינע סימפאטי פון דער באפעלקערונג.

צווישען די סטרייקערס ווידער האט די דאזיגע פראוואקאטארישע האנדלונג פון די באסעס בלויז פארשטארקט דעם מוט און אנטשלאסענהייט צו קעמפען ווי לאנג עס וועט זיין נויטיג פאר זייער יוניאן און זייערע לעבענס-באדינגונגען.

די סטרייקער האבען באלד אויף מארגען אפגעהאלטען אן ענטוזיאסטישען מיטינג און איינשטימיג באשלאסען צו סטרייקען ביז אן ענדגילטיגען זיג.

די רעדנער אויפ'ן מיטינג זיינען געווען: דזשענעראל סעקרעטער דייוויד דובינסקי; מענעדזשער פון דרעסמאכער דזשאינט באארד, דזשוליוס האכמאן; אויגוסט קלעסענס און ב. דרייזין, מענעדזשער פון דער לעידיס טיילארס יוניאן לאקאל 38.

די אינטערנעשאנאל האט געשיקט א בריף צום סטייט אינדאסטריעל קאמישאנער, אונטערגעשריבען פון דזשענעראל סעקרעטער, דובינסקי, אין וועלכען די יוניאן באדאנקט מיס פוירקינס פאר אירע באמיהונגען צו סעטלען דעם סטרייק.

אין דעם בריעף ווייזט די יוניאן אן, אז מיט דעם, וואס די באס'ן באסעס האבען זיך ענטזאגט אנצונעמען דעם סעטלמענט-פארשלאג אויפ'ן באזיס פון פינף פראצענט דיסטשארדזש רעכט, באווייזט קלאר, אז זייער גאנצע פאדערונג פון דיסטשארדזש איז ניט מעהר ווי א קאמאפלאזש, אז די פראגע פון דיסטשארדזש איז ביי זיי ניט דער עיקר, נאר אז זיי שטרעבען צו פארניכטען אינגאנצען די יוניאן און די יוניאן באדינגונגען אין די שעפער. דאס איז ניט קיין סטרייק, נאר איינפאך א לאק-אוט פון די באלעבאטים, מיט'ן ציל צו פארניכטען די יוניאן און די איינגעפירטע מענשליכע ארבייטס-באדינגונגען.

„מיר האבען צוטרויען צו אונזער באפעלקערונג — ווערט געזאגט אין בריף — אז די עפענטליכע מיינונג וועט ניט טאלערירען אזא לאקאוט, וואו עס זיינען פארוויקעלט איינינע הונדערט פאמיליעס, וועלכע זיינען ארויסגעווארפען געווארען פון דער ארבייט אין אזא שלעכטער און אלגעמיין אינדוסטריעלער קריזיס צייט. די דאזיגע מאנופעקטשורערס, וואס זיינען אפהענגיג פון דעם גוטען ווילען פון די איינוואוינער פון ניו יארק פאר זייערע איינענע ביזנעס-אינטערעסען און פראספעריטי, וועלען אין גיכען אויסגעפינען, אז די פאבליק אפיניאן איז ניט גרייט גוטצוהייסען א פאליסי פון מאנופעקטשורערס, וואס ווילען אויסנוצען די שלעכטע צייט אויף צו פארניכטען יוניאנס און יוניאן-באדינגונגען".

די סטרייקערס האבען טאקע גלייך באוויזען מיט מעשים אז זיי מיינען וואס זיי זאגען.

מאנטאג ביינאג האבען די הונדערטע סטרייקענדע לעדיס טיילארס דורכגעפיהרט אן איינדרוקספולע פיקעט-דעמאנסטראציע איבער די גאסען פון דעם געגענד, וואו די סטרייקענדע שעפער געפינען זיך.

די געשלאסענע רייהען פון די סטרייקער האבען פארנומען איבער צוויי בלאק אין דער לענג. דורך צענדליגע סאינס און אויפשריפטען האבען די מוטיגע סטרייקערס געלאזט וויסען דער ארומיגער באפעלקערונג פארוואס און צוליב וואס זיי סטרייקען. זיי האבען געלאזט וויסען די באסעס, אז עס וועט זיי ניט געלינגען צוריקצוטרייבען די ארבייטער אין שקלאפעריי דורך אויסהונגערען זיי.

יערעס מאל וואס די סטרייקער האבען מארשירט פארביי א סטרייקענדען שאפ, זיינען זיי באגעגנט געווארען פון די פיקעטס מיט הורא-געשרייען, אויף וועלכע די דעמאנסטראנטען האבען געענטפערט מיט „טשירס" און געזאנג.

די מארשירענדע סטרייקער האבען אויך אויסגעטיילט טויזענדער ליפלעטס צו די פארבייגעהענדע פרויען, אין וועלכע זיי ערקלערען, אז די באסעס האבען זיי ארויסגעווארפען פון די שעפער און זיי-זיינען געצוואונגען צו קעמפען כדי אויפצוהאלטען דעם אמעריקאנער לעבענס-סטאנדארד. זיי אפעלירען צו די פרויען צו קויפען זייערע קליידער בלויז פון אזעלכע פירמעס, וועלכע גיבען זייערע ארבייטער מענשליכע באדינגונגען און האלטען זיי ניט אין שקלאפעריי.

די דעמאנסטראציע האט זיך פארענדיגט מיט א מאסען-פארזאמלונג אין קאלאמבוס סוירקל, וואו די רעדנער, גענ. הערי יעגער און ראזענטאל, איינער פון די פיהרער פון סטרייק, האבען אדרעסירט די פארזאמעלטע און ערמוטיגט די סטרייקערס צום קאמף. די טשערליידי פון מיטינג איז געווען סעידי רייך, די ארגאנייזערין פון דער ווימענס טרעיד יוניאן ליעג, וועלכע גיט אפ איהר גאנצע צייט צו העלפען דעם סטרייק.

דורך דעם גאנצען וועג פון מארש האט מען געקענט קלאר זעהן די שטארקע סימפאטיע פון דער באפעלקערונג צו די סטרייקערס. די ליפלעטס זיינען געכאפט געווארען ווי מצה-וואסער און געלעזען געווארען מיט אינטערעס. די ארבייטער אויף א נייער געביידע אין מעדיסאן עוועניו און 52טע סטריט, וואו די סטרייקערס האבען דורכגעמארשירט דינער-טאים, האבען אויפגענומען די סטרייקערס מיט ערמוטיגענדע צורופען און ששידם.

די סטרייקערס האבען זיך געפיהלט שטארק ערמונטערט פון דער סימפאטיע פון דער באפעלקערונג. זיי האבען אין דעם נגעזהן, אז זיי שטעהען ניט אליין אין קאמף.

גרויס פרייד און באגייסטערונג צווישען די סטרייקערס און די פיהרער האט אויך ארויסגערופען די נייעס, אז דער „פארווערטס" אסאסיאיישאן האט ביים מיטינג לעצטען דאנערשטאג נאכט, באשלאסען צו געבען טויזענט דאלאר פאר דעם לעידיס טיילאר סטרייק.

לאקאל 38 האט פארעפענטליכט פאלגענדען אפיל צו יוניאנס, ראדיקאלע און ארבייטער-פריינדליכע ארגאניזאציעס צו שטיצען דעם בראווען קאמף פון די לעידיס טיילארס מאראליש און פינאנציעל.

„צו אלע יוניאנס און ארבייטער-פריינדליכע ארגאניזאציעס:

„עטליכע הונדערט לעידיס טעילארס שטעהען שוין באלד 9 וואכען אין א פארביטערטען קאמף, געגען דעם פארזוך פון אונזערע באסעס — די קוטיורירס אסאסיאיישאן — צו ברעכען אונזער יוניאן, אוועקנעמען די מענשליכע לעבענס-באדינגונגען, וואס מיר האבען זיך ערווארבען דורך יאהרען פון קאמף און ליידען, און צוריק ברענגען דעם סוועטשאפ אין אונזער טרייד. די באסעס זוכען ווידער צו קריגען דאס רעכט אוועקצונעמען דאס ברויט פון אן ארבייטער, וועלכער באשטעהט אויף מענשליכע באדינגונגען דורך ארויסווארפען איהם פון דער ארבייט.

די סטרייקענדע לעידיס טעילארס קעמפען אונזער אלעמענס קאמף. אונזער זיג וועט זיין דער זיג פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג, דער זיעג פון „קאלעקטיוו בארגעינינג" געגען דער זעלבסט-הערשאפט פון פארביסענע באסעס. די סטרייקערס זיינען מוטיג און אנטשלאסען. גרייט צו ברענגען קרבנות. עס איז אונזער אלעמענס חוב זיי צו העלפען מיט אלע מעגליכקייטען פינאנציעל און מאראליש.

„יוניאנס און פריינדליכע ארגאנזאציעס! שטיצט דעם נאבעלען קאמף פון 12 סטרייקענדע לעידיס טעילארס. גיט זיי די אמוניציע וואס איז נויטיג צו דערפיהרען דעם קאמף פאר דאס רעכט צו זיין ארגאניזירט אין א יוניאן, פאר מענשליכע ארבייטס-באדינגונגען פאר'ן רעכט אויפ'ן דזשאב — צו א זיגרייכען סוף.

שטיצט די בראווע סטרייקער מיט געלט. איבט אויס אייער איינפלוס, אז די וועלכע געהען זיך ארדערען קליידער, זאלען געהן בלויז אין אזעלכע שעפער, וועלכע באהאנדלען זייערע ארבייטער מענשליך, וואו די ארבייטער האבען אויך א דעה דורך זייער יוניאן ביים באשטימען די באדינגונגען אונטער וועלכע זיי דארפען ארבייטען.

„ביישטייערונגען פאר'ן סטרייק זאלען געשיקט ווערען אויפ'ן אדרעס פון דער אינטערנעשאנעל".

היינטיגען דינסטאג אווענט איז פארגעקומען א קאנפערענץ פון פראמינענטע מענער און פרויען פון ניו יארק פאר'ן צוועק אויפצוּוועקען די געזעלשאפטליכע מיינונג אין באצוג דעם לעידיס טעילארס סטרייק און צו צווינגען דער לייד יס טעילארס אסאסיאיישאן צו סעטלען דעם סטרייק.

אין דער קאנפערענץ, וואס איז גערופען געווארען דורך די איניציאטיוו פון פראפעסאר ע. ס. לינדערמאן און מרס. פרעדעריק וואנדערבילט-פיעלד, האבען אנטייל גענומען באוואוסטע סאסייעטי ליידיס, סאשעל וואירקערס און באריהמטע געלערנטע, ווי מרס. וואנדערבילד פיעלד, מרס. דזשיימס מארשאל, דר. פיטש, דר. העמערסאן פאסדיק, פון ראקאפעלער טשווירטש, נארמאן טהאמאס און אנדערע.

דער טשערמאן פון דער קאנפערענץ איז געווען דר. פיטש, פון דער סוירוועי אסאשיאייטס און דער סעקרעטער פון דער קאנפערענץ איז געווען מרס. וואנדערבילט פיעלד.

די קאנפערענץ האט באטראכט מיטלען ווי אזוי צו צווינגען די איינגעשפארטע בעלי בתים דורכ'ן פאבליק אפיניאן, אז זיי זאלען סעטלען, ווי אויך ווי אזוי צו שאפען געלד אויף צו אנפיהרען דעם סטרייק ביז א זיגרייכען ענד, אויב די בעלי בתים וועלען ניט וועלען סעטלען.

ווי ס'איז באריכטעט געווארען ביי דער קאנפערענץ האבען איבער הונדערט פראמינענטע פערזאן, מענער און פרויען, פארשפראכען זייער הילף דער קאנפערענץ קאמיטע.

דער 15-יאהריגער יובילעאום פון דער באנאז עמבראידערי יוניאן

פון נייטהען ריזעל, סעק.-טרעזשורער.

אונזער לאקאל 66 פון דער אינטערנעשאנאל פייערט היינטיגען פרייטאג זיין 15-יאהריגען יובילעאום מיט א באנקעט אין בעטהאווען האל. ביי דער געלעגענהייט איז ווערט איבערצוגעבען א ביסעל פון דער געשיכטע פון אונזער יוניאן און וואס מיר האבען דורכגעמאכט פאר דער צייט. דאס וועל איך פרובירען טאן אזוי קורץ ווי מעגליך.

אין 1907 זיינען איינינע יונגעלייט, וועלכע זיינען געקומען פון לאנדאן זיך צוזאמענגעקומען און באשלאסען צו ארגאניזירען די עמברוידערי ארבייטער. ניט לייכט איז געווען זייער ארבייט. דער עמברוידערי ארבייטער איז ניט געווען פון דעם סארט מענש, וועלכען מען האט געקענט באוויזען, אז זייענדיג ארגאניזירט, וועט זיין לאגע פיל פארבעסערט ווערען. עס האט גענומען יאהרען לאנג פון שווערער ארבייט מצד איינצעלנע מענשען ביז עס איז געלונגען צו ארגאניזירען א טייל אין אונזער פאך. די מענער ארבייטער האבען זיך מער-ווייניגער אפגערופען און זיינען אריינגעטראטען אין די יוניאן-רייהען, אבער די פרויען ארבייטער, וועלכע זיינען מערסטענס אמעריקאנער, האבען נישט געוואלט הערען דעם יוניאן-רוף. די לאגע אין דעם עמברוידערי-פאך איז געווארען אלץ ערגער, לאנגע שטונדען און קליינע ווידזשעס האט געהערשט אין פאך. דאס האט געעפענט די אויגען פון פילע ארבייטער, וועלכע זיינען געשטאנען פון דער ווייטענס, און ביסלעכווייז זיינען די ארגאניזירטע רייהען געווארען שטארקער.

אין 1913 האט די אינטערנעשאנאל געטשארטערט די באנאז עמברוידערי ארבייטער אלס לאקאל 66, און צוויי יאהר שפעטער, דעם 21טען אויגוסט, 1915, האט די יוניאן באשלאסען דורך א געהיימען באלאט כמעט איינשטימיג צו רופען א גענעראל סטרייק.

ארים, אהן געלט און אפילו אהן געניטע פיהרער, איז דער דאמאלדיגער סטרייק געווען א פולשטענדיג געוואונענער. די באסעס אין טרייד האבען גע-דיינקסט, אז א יוניאן פון עמברוידערי ארבייטער וועט לאנג ניט אנהאלטען. אויך האט א געוויסער עלעמענט צווישען די ארבייטער אזוי געדענקט, אבער וואס מאנכע האבען געדענקט און וואס עס איז ווירקליך געשעהן זיינען זיך צוויי זאכען. אין פארלויף פון די לעצטע 15 יאהר איז געשאפען געווארען א שטארקע יוניאן וועלכע קאנטראלירט כמעט דעם גאנצען פאך, אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם אלגעמיין באליבטען מענעדזשער לעאן האטאם און פרעזידענט ז. ל. פרידמאן איז געלונגען לעצטעס יאהר איינצופיהרען די 40-שטונדיגע ארבייטס-וואך אין די שעפער. אויך איז געלונגען צו קריגען א העכערונג אין ווייידזשעס פאר די מעמבערס.

לאקאל 66 האט אימער זיך באטייליגט אין אלע נוצליכע טעטיגקייטען פון דער ארבייטער באוועגונג. דער לאקאל, זייענדיג א טייל פון דער אינטערנעשאנאל, איז אימער געווען טריי און וועט בלייבען טריי דער אינטערנעשאנאל.

די אלע שטורעמס אין דער באוועגונג פאר די לעצטע יאהרען האבען דעם לאקאל נישט מיטגעריסען. די מעמבערס זיינען ערצויגען געווארען צו קענען שעצען און אכטען זייערע פיהרער.

היינט-צו-טאג, אבוואהל עס איז ווייניג ארבייט דא, דאך האבען מיר א גוט דיסציפלינירטען לאקאל און אונזערע מעמבערס האבען באשלאסען זיך צוזאמענצוקומען און זיך פרעהען ביי א באנקעט און דענס, וועלכער וועט שטאטפינדען דעם פרייטאג אווענט, דעם 21טען נאוועמבער אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט. פארשטעהער פון דער ארבייטער באוועגונג זיינען איינגעלאדען געווארען און מיר ערווארטען אלעמען דארט צו זעהן.

אינטערנעשאנאל גיט $2,500 צום דרייוו פון צדקה פעדעראציע

די אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט וואירקערס יוניאן האט צוגעשיקט צו דער צדקה-פעדעראציע צוויי און א האלב טויזענט דאלאר אלס איהר טייל צו די צוויי און א פערטעל מיליאן דאלאר, וואס די צדקה-פעדעראציע מוז האבען ביז ענדע פון היינטיגען יאהר כדי איהרע האספיטאלס, קינדער-אנשטאלטען און די אנדערע פון די 91 אנשטאלטען, וואס זיינען אנגעשלאסען אן דער צדקה-פעדעראציע, זאלען קאנען אנגעהן מיט זייער טעטיגקייט.

„מיט צופרידענקייט שיקט די אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט וואירקערס יוניאן איהר ביישטייערונג אין א צייט וואס די נויט איז אזוי גרויס און די הילף פאר די אנשטאלטען, וואס זיינען אנגעשלאסען אן דער פעדעראציע, איז אזוי וויכטיג — האט ערקלערט בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט פון דער יוניאן. — די לאגע פון אונזערע מעמבערס איז ניט צו גוט אין דער איצטיגער צייט, דערפאר ווייסען זיי בעסער ווי ווען עס איז בעפאר ווי נויטיג עס איז אז די האספיטאלס און די אנדערע אנשטאלטען, וואס זיינען אנגעוויזען אויף דער צדקה פעדעראציע, זאלען קאנען ווייטער אנגעהן מיט זייער טעטיגקייט".

דאדלי ד. פישער, פרעזידענט פון דער צדקה פעדעראציע, האט באמערקט וועגען דעם טשעק פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס, אז ביישטייערונגען פון א קלאס וואס איז אליין איצט געטראפען פון די שלעכטע צייטען האט א באזונדערען ווערט און עס ווייזט, אז די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל האבען אפילו אין שלעכטע צייטען ניט פארגעסען די, וואס זיינען אין נאך ערגערע אומשטענדען פון זיי.